STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06393

# FUNKEN IBER DOYRES

Yisrael Berkovitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל בערקאָוויטש

# פונקען איבער דורות

היל/ע און גראפישע טיטל/ען: סערדזשיו דינקול/עסקו

ישראל
בערקאָוויטש

# פונקען
# איבער
# דורות

פארלאג — „קריטעריאָן"
בוקארעשט, 1978

# א

# שטילע
# אומרויקע
# נעכט

# בעת איך פאנג און פאָר די ווערטער

זינט עס הייסט איך בין א וואָרט-פארוועריטער
פיל איך זיך פאראנטוואָרטלעך פאר ווערטער
און די ווערטער, פונקט ווי מענטשן,
מיט א פאָרגעפיל פון שטארבן,
אָן צו וויסן ווער עס וועט זיי ארבן,
קומען טעגלעך ביי מיר מאָנען
איך זאָל איטלעכס וואָרט דערמאָנען
און צונויפפאָרן איך זאָל עס
נישט מיט שעלט-ווערטער פאר קללות
נאָר מיט דעם געבענטשטן וואָרט
וואָס געהער צו יענעם סאָרט
וואָס מאכט שענער און גיט קראפט
שכנים-ווערטער און באשאפט
נייע זינען, נייע קלאנגען,
וואָס דער מענטש איז נישט דערגאנגען.

זינט עס הייסט איך בין א וואָרט-פארוועריטער
פיל איך זיך פאראנטוואָרטלעך פאר ווערטער
און איך לייד פאר יעדן וואָרט
וואָס כ'האָב שלעכט צונויפגעפאָרט,
צי געזאָגט עס נישט אין רעכטער צייט
און דערמיט פארקריפּלט זיין באטייט
און איך טייל דעם גורל שווערן
פון איעדן וואָרט וואָס צאפּלט צווישן ווערן און נישט ווערן
און דער עול פון דארפן זיין דער מאָנער
און דערמאָנער,
בעת איך פאנג און פאָר די ווערטער,
מאכט אז וואקסן זאָל אין מיר דער צער
פון א יידיש-לײדנדיקן אלטן ווערטער.

# שיר

שוין א לאנגע צייט,
איך ווייס אליין שוין נישט ווי לאנג,
עס האָבן איינגעקארבט זיך אין מיין שטערן
פינף קנייטשן,
דורך דער ברייט,
ווי פינף ליניעס,
אויף וועלכע אן אלטער ניגון
האָט פארשריבן זיינע נישט דערזונגענע נאָטן
און פארוואנדלט מיר מיין שטערן
אין א ניגון-פארטיטור
וואָס מע קאָן נישט לייענען קלאָר
צי איז דער ניגון שיר השירים
צי ער איז שיר היסורים.

# די רויז

זאָל האָבן בלויז מיין שווייגן
דיך געמאכט זאָלסט וועלן רעדן
צי נישט פארגינגען האָסט די בלעטער
זייער זיך שושקען אויף די צווייגן
ווען ביידע זענען מיר געגאנגען
דורכן וואלד
אין בין-השמשותדיקער צייט אין שפעטער
און דו, אנשטאָט צו רעדן,
האָסט געריסן פון די צווייגן בלעטער ?

האָסט אומבאמערקט דערנענטערט זיך צו מיר
און ציטערדיק געפרעגט מיך
האלב באדויערדיק:
פארוואָס זעסטו אוים תמיד אזוי טרויעריק ?
געענטפערט האָב איך דיר אז איך בין מיד
און ס'איז אזא, געוויינטלעך, מיין געמיט.

דו נישט געקוקט האָסט אויף מיין ענטפער,
דערנענטערט האָסטו זיך צו מיר נאָך נענטער
און מיט ליבע-פולער ווארעם
מיך געפרעגט:
ווילסט מיר זאָלן זיין חברים ?
געענטפערט האָב איך דיר
איין וואָרט
און זיכער בין איך אז א רויז
וועט אויסוואקסן אויף יענעם אָרט
און ס'וועט קיין שליטה אויף דער רויז נישט האָבן
קיין ווינט, קיין פראָסט, קיין רעגנס-שלאקסן
און ס'וועט ארום איר קיינמאָל
קיין קראָפעווע נישט וואקסן.

# און אפשר

און אפשר באַדאַרפט האָב איך זיין גאָר א לאָרד
און דו אויף די ימים זאָלסט זיין א רוסאַלקע
באַדאַרפט האָב איך האָבן אן אייגענעם פֿיאָרד
און שווימען דיך נעמען צו מיר, מיין בת-מלכּה.

איך טו נישט באַדויערן מיין נישט זיין קיין לאָרד
און דיר פּאַסט אויך בעסער דאָס שוועבן אויף ערדן
איך האָב דיך גערופן צו מיר אָן איין וואָרט
און דו האָסט אין מיר באַלד דערקענט דיין באַשערט.

# פון היינט אויף מאָרגן

אויב איך זע דיך נישט מער מאָרגן,
וויל איך זאָגן דיר,
פון היינט אויף מאָרגן,
ווי שטארק איך האָב דיך ליב.
דו גלייבסט מיר נישט?
וועל איך דיר געבן צוויי סימנים:
איך קאָן דיר זאָגן פארוואָס
איך האָב דיך ליב
און מיין ליבע צו דיר איז אזוי גרויס
אז איך בין אימשטאנד
דיך צו באפרייען פון איר.

נאָר אויב איך האָב דאָס גליק
איך זאָל דיך מאָרגן ווידער זען
און פילן אז דו דארפסט מיך,
וועל איך דיר טאקע זאָגן
פארוואָס איך האָב דיך ליב,
באפרייען דיך
און זיך אויפסניי אין דיר פארליבן.

ביז מאָרגן
וויל איך אָבער,
פון היינט אויף מאָרגן,
אויסטראכטן א ניי וואָרט אנשטאָט
ליבע,
פאר מיין געפיל,
א וואָרט וואָס מ'האָט נאָך נישט ארויסגערעדט,
א וואָרט
וואָס ס'האָט נאָך קיינער קיינעם נישט געזאָגט.

# דיין קינד

איך וויל דיינער זיין
מיט אַלץ וואָס ס׳האָט אין יאָרן צענדליקער
מיין האַרץ אין זיך פאַרבאָרגן און באַהאַלטן
פאַר יענער רגע ווען די ליבע קומט
פון טויזנט פאַרבן ניי-געבוירענע זיך אויסגעשטאַלטן
כדי אַריינצושליכן זיך אין אונדזער בלוט
אין יעדן אבר ליכט
און איך זאָל קאָנען זאָגן דיר
מיט ליפּן מיינע אויף דיין ברוסט
מיט יענעם ציטער פון אַן ערשטן פּאַך
וואָס לאָזט זיך הערן פון אַ טייבל-פליגל
אין דעם ערשטן פלי אין ערשטן פרילינגס-ווינט:
ליבסטע, ביסט מיין טרוים,
איך בין דיין קינד.

שוין יאָרן זינט איך טראָג אַרום זיך
נאָר מיט איין געדאַנק:
איך זאָל דיר זאָגן אַלץ וואָס איך זע,
אַלץ וואָס איך טו,
אַלץ וואָס איך טראַכט.

איך בין זיך מודה
אַז נאָר פאַר דיר
וואָלט איך געקאָנט זיך מודה זיין
ווי פאַר דעם ערלעכסטן און ריינסטן מענטשן.
נאָר וויפל מאָל איך האָב געפּרוווט דאָס טאָן
האָב איך באַלד געזען
אַז ס׳איז אומזיסט מיין טירחה
דו האָסט אויף מיר געטון אַ קוק
און איך האָב באַלד געזען
דו ווייסט שוין אַלץ וואָס איך זע
דו ווייסט שוין אַלץ וואָס איך טו
דו ווייסט שוין אַלץ וואָס איך טראַכט.
דו ווייסט נאָר נישט
ווי שטאַרק איך האָב דיך ליב.

# אין יענע נעכט

איך שעם זיך דיר צו זאָגן
אָבער איך קאָן פאר דיר נישט אויסבאהאלטן
אז אין יענע נעכט
ווען איך ווייס נישט
צי דו וועסט מיר זאָגן אינדערפרי
גוט מאָרגן,
ווייל איך נישט דער אינדערפרי זאָל קומען.

איך ווייס
דאָס איז נישט שיין.
אָבער איך בין א פשוטער מענטש,
א שטערבלעכער,
וואָס וואָלט דיך געוואָלט ליבן
געטלעך
און איך האָב דיך פשוט ליב
ווי דער שטערבלעכסטער פון אלע שטערבלעכע
און איך וויל וויסן
צי דו וועסט מיר זאָגן אינדערפרי
גוט מאָרגן.
אנדערש וויל איך נישט
דער אינדערפרי זאָל קומען.

# א מאָל

עס האָט א מאָל מיין קול געקלונגען שיין
און אלץ וואָס כ׳האָב געזאָגט איז קלוג געווען
מיין בליק געהאט האָט אין זיך זונען-חן
דאָס אלץ דערפאר
ווייל דו ביסט אין מיין זיין געווען.

א מאָל, א מאָל.

די בלום פלעגט אין מיין האנט זיך ענדערן די פארבן
בלויז פון מיין גלעט פלעגט אויפלעבן
וואָס ס׳האָט געהאלטן שוין ביים שטארבן
פארזיסן כ׳האָב געקאָנט דעם כריין דעם הארבן
און דערנער — לויט מיין ווונטש — אנשטאָט צו וואקסן
האָבן אָנגעהויבן דארבן.
דאָס אלעם האָט געקאָנט געשען
ווייל דו ביסט אין מיין זיין געווען.

א מאָל, א מאָל.

# פון גאָר דער וועלט

פון גאָר דער וועלט, ווי גרויס זי איז,
פון גאָר מיין זיין, ווי קליין איך בין,
באַגנוג איך זיך מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס,
וואָס איך זע דורך מיין פענצטער צו דער וועלט,
מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס,
אויף וועלכן עס ווייַלט אַמאָל די לבנה
און עס גייט אויף די זון,
פון וועלכן עס גייט זומער אַ רעגן
און ווינטער שיט זיך אַ שניי.

פון גאָר דער וועלט, ווי גרויס זי איז,
פון גאָר מיין זיין, ווי קליין איך בין,
באַגנוג איך זיך מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס,
וואָס איז אפשר געווען מיין לייַלעך
ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען,
וואָס איז אפשר געווען דיין לייַלעך אויך,
ווען דו ביסט אויף דער וועלט געקומען,
מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס
אויף וועלכן מיר האָבן פּלאַץ ביידע
צוזאַמען מיט אונדזער הימלישער ליבע.

פון גאָר דער וועלט, ווי גרויס זי איז,
באַגנוג איך זיך מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס
צו וועלכן איך קוק איך זאָל דיך זען,
ווען ער באַקומט די פאַרב פון דיינע אויגן,
ווען ער ווערט פאַרכמאַרעט ווי די פאַרב פון דיין טרויער,
מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס
אויף וועלכן די זון-שטראַלן האָבן די פאַרב פון דיינע האָר
פון וועלכן דער רעגן-פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ
דין און דורכזיכטיק ווי דו,
מיט דעם שמאָלן הימל-פּאַס
צו וועלכן איך וואָלט געוואָלט קוקן
צום לעצטן מאָל
און דיך זען
איידער איך וועל אָנהייבן מיין ערשטע און לעצטע רו.

## זעסטר

כ'האָב נישט געוואָלט קומען אויף דער וועלט
און מ'האָט מיך מיט געוואַלד אויף דער וועלט געבראַכט.

כ'האָב נישט געוואָלט ווערן קיין אפּיקורס
נאָר מ'האָט מיך געלערנט מיט ספּינאָזאַן לערנען וואָס די תורה איז.
כ'האָב נישט געוואָלט חתונה האָבן
און מ'האָט מיר חתונה געמאַכט.

כ'האָב נישט געוואָלט זיין קיין לייט
און מ'האָט מיך פאַרדאָרבן
און געמאַכט מיך פאַר א „שיינעם באַלעבאָס".
כ'האָב נישט געוואָלט שפּילן קיין טעאַטער
נאָר מ'האָט מיך געמאַכט צום נאַר און געשטעלט שפּילן.

כ'האָב נישט געוואָלט אַרויספאָרן פון מיין געבוירן-שטאָט,
פון באָטאָשאַן, וואָס איז געווען א מאָל
אַן אם ועיר אין פאָלק ישראל,
און איך בין פאַרוואָגלט געוואָרן
אַזש ביז אין דער הויפּט-שטאָט.
כ'האָב נישט געוואָלט אַרומפאָרן איבער דער וועלט
און בין געווען שוין
אין בערלין
און וואַרשע
בודאַפּעסט
און פּראַג
און בין געווען
אין קיעוו
לענינגראַד
אין מאָסקווע
חיפה

תל-אביב
ירושלים
און בין געווען שוין
אין ניו-יאָרק
לאָס אנדזשעלעס
אין מאָנטרעאַל
אין פילאדעלפיע
טשיקאגאָ
סאן פראנציסקאָ
ווין
אין מינכען
און פאריז.

כ'האָב נישט געוואָלט געפיינט ווערן פאר מיין זיין א ייד
און כ'האָב די פיין נישט אויסגעמיטן.
כ'האָב נישט געוואָלט זיין קיין שרייבער
און מ'האָט מיך געמאכט פאר א שרייבער.

כ'האָב געוואָלט זיין גליקלעך
און איך בין נישט גליקלעך.
נו, זעסטו,
בין איך אומגליקלעך!

# פון ווען אָן

פון ווען אָן
גייט דער מענטש
זיין וועג און האָפט
צו קאָנען גיין א מאָל פון זאָרג און שרעק אן אויסגעשפאנטער
און אומשולדיק ער נישט באמערקט
אז ערגעצווו, אין שאָטן פון זיין שאָטן אייגענעם,
עס שטייט א בויגן א געשפאנטער
וואָס וואַרט אויף יענעם אומבאַשטימטן בליק
ווען אָפּטיילן ער זאָל די פייל פון שטריק
און אויף איר וועג וואָס צייכנט אָן נאָר שוואַרץ
זי טרעפן זאָל אין רעכטפארטיקן הארץ ?

ביז ווען וועט גיין דער מענטש און האָפן
אויף יענעם טאָג פון שכר און שטראָפן
ווען גוטס און שיינס מען וועט באדאנקען
און אלדאָס בייז פון די געדאנקען
עס וועט נישט זוכה זיין צו ווערן וואָרט
און יעדער רשע, אין יעדן אָרט,
אויף אלע וועגן,
דערפילן וועט
א קללהדיקן רעגן
פון קוילן, פייער, פעך און שוועבל
און זיין געיאָגט ווי ס׳ווערט געיאָגט א הונט
פון יאָגנדיקן ברענענדיקן ווינט ?

## ווי שיין עס איז דער בוים

עס טרעפט נישט זעלטן
און דער זיידע קומט צו חלום מיר
אין שלאף
און איך מיין אלע מאל
ער קומט באשטראפן מיך
ווי ער געקאנט האט נאר,
מיט הארבער שטראף,
נאר דער חלום ווערט פארוואנדלט
אין א טרוים
און דער זיידע זאגט מיר:
זע ווי שיין עס איז דער בוים!
ווערט מיר זיס דער שלאף
און איך זע
ווי אויפן שלאפנדיקן שליאך
שלאפט די קליאטשע שטייענדיק
און איך הער ווי ס'קרעכצט פון שלאף דער וואגן
און איך זע דעם זיידן וואך
ווי ערווארט דער טאג זאל טאגן
און איך הער דעם זיידן זאגן:
איי איז שיין דאס וועלטל גאט'ס
יעדער טאג איז א בראשית!

איך הייב אן פון שלאף צו רעדן
און איך נעם דעם זיידן פרעגן
ראשית:
ווייסטו, זיידע, אז נאך היינט
איך טו דיין קליאטשע טייטשן?
דוכט זיך אז איך הער נאך היינט
איר קרעכץ,
און הער דעם סווישטש פון נייע בייטשן.
והשנית:
אפשר ווילסטו, זיידע, מיר פארטייטשן,

אויב נישטאָ איז מער קיין קליאַטשע
וואָסזשע דאַרף מען נייע בייטשן?
נאָר דער ציידע הערט מיך קוים
און ווייזט מיר אַלץ
ווי שיין עס איז דער בוים.
זאָג איך:
זיידע, האָסט פאַרגעסן?
דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט אַז
טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן.

נאָר נאָך איידער כ'האָב באַוויזן
נאָך איין וואָרט צו זאָגן
איז דער זיידע אויפן וואָגן
און ער טרייבט די קליאַטשע
מיט א ניגון:
וויאָ, מיין קליאַטשע,
לאָמיר פאָרן
נאָכפאָרן בנימינען
צו די רויטע יידעלעך
הערן ווי זיי זינגען אים
אַלע שיינע לידעלעך.

מיט אמאָל עס יאָווען זיך
בעטלערס, נאָר אָן טאָרבעס שוין,
יעדער בעטלער — א פאַרשוין,
אַלערליי פאַרשוינען,
אין דער האַנט מיט קרוינען,
אַלע שטעלן זיך באַלד אוים,
רעכטס א ריי און לינקס א ריי,
און דעם זיידן זינגען זיי:
פאַר באַשרייבן מיט דיין בלוט
אונדזער בעטלער טאָרבע
ווילן מיר באַלוינען דיך
מיט א קראַנץ פון לאָרבע.

שמייכלענדיק, דער זיידע זיך דערוווייטערט.
די קליאטשע ווערט א וואלקן
וואס צום הימל הייבט אן שטייגן,
דער וואגן ווערט צוריק א בוים
מיט קרעכצנדיקע צווייגן,
דער זיידע גייט צו פוס
פארטראכט
און שעפטשעט שטיל, פאר זיך,
אז איך הער אים קוים:
זע, ווי שיין עס איז דער בוים!...

# פון צייט צו צייט

דער זיידע האָט ליב געהאַט צו זאָגן:
פון צייט צו צייט,
עס קומט א צייט,
ווען אויך די צייט
איז אויף דער צייט.

מען ווייסט נישט פּינקטלעך ווו און ווען
די צייט פארגייט אין טראָגן
און וויפל צייט עס נעמט ביי איר
ביז זי פאר אונדז טראָגט אוים
דאָס קוים פון איר און אונדז געאַנטע
וואָס זי טראָגט אין שוים.

עס נעמט אמאָל ביי איר
נאָך ווייניקער
ווי ניין חדשים,
אין טיפע קעלערם אָפּט
צי ערגעץ אויף א בוידעם־שטיבל הויך,
און זי געבערט אזוינס
וואָס עולם קוקט אויף דעם ווי אויף חידושים.

צו מאָל עס דארף די צייט
אויך מער ווי יאָרן ניין
אָדער יאָרהונדערטער זיך ליימערן אין פיין
ביז זי איז מוליד פאר יאָרהונדערטער א שיין.

נישט תמיד ווען די צייט
איז אויף דער צייט

א סימן איז אז זי טראָגט אוים
אזוינם וואָס מען זאָל קאָנען אויף דעם זאָגן
אז די צייט איז גרוים.

אויך איצט איך האָב אן אנונג
אז די צייט איז אויף דער צייט.
אויף דער געבורט
מיט אומגעדולד איך קוק ארוים
און כאָטש די גאנצע וועלט זאָגט
אונדזער צייט איז גרוים,
פון צייט צו צייט
באפאלט מיך א מין שרעק
פאר דעם וואָס זי טראָגט אוים.

## אנדערש

דעם בראָדער דאָקטער, יוליו באראש, צום אָנדענק.

פון אַלע בעלי-חי אויף אָט דער וועלט
בין איך מקנה די שמעטערלינגען.
יעדער שמעטערלינג האָט ארום זיין קאָפּ
פיראונדרייסיק טויזנט זעקס הונדערט און פופציק אויגן
און יעדעס אויג זעט יעדע זאך
אנדערש.

צי זעען זיי צווישן די טויזנטער און טויזנטער וועלטן
א וועלט א בעסערע ווי די אויף וועלכער איך לעב ?
פון וואנען איז געדרונגגען דען אז
אנדערש
מוז זיין בעסער אָדער ערגער ?
אנדערש קאָן נישט זיין ?
פון וואנען איז געדרונגגען דען אז
אנדערש
קאָן נישט זיין אנדערש, סתם,
ווי שיין איז שיין,
ווי גוט איז גוט
און גוט דארף נישט זיין שענער ווי שיין
און שיין דארף נישט זיין בעסער ווי גוט

פון אַלע בעלי-חי אויף אָט דער וועלט
בין איך מקנה די שמעטערלינגען.
איין זון-אויפגאנג
גייט אויף פאר זיי
פיראונדרייסיק טויזנט זעקס הונדערט און פופציק מאָל
אנדערש.
יעדן לבנה-אויפגאנג
זעען זיי
פיראונדרייסיק טויזנט זעקס הונדערט פופציק מאָל
אנדערש.

יעדער איינער שטערן
איז אין זייערע אויגן
פיראונדרייסיק טויזנט זעקס הונדערט און פופציק מאָל
אנדערש.
איין בלום
ווערט געזען פון איין שמעטערלינג
פיראונדרייסיק טויזנט זעקס הונדערט און פופציק מאָל
אנדערש.

היינט שטעלט זיך פאַר ווי אנדערש
און מיט וויפל גרעסער ס׳וואָלט געווען זייער תענוג
ווען זיי קענען אויך באָטאניק...

# שטילע, אומרויקע נעכט

פאראנען אומרויקע נעכט,
ווען די לבנה אויף דעם הימל איז א האלבע נאָר
און אלע שטערן ארום איר
דערגרייכן נישט די צאָל פון אלע פינגער
פון צוויי הענט
און דאָך עס שפארט אראָפּ
פון הימל צו דער ערד
אזא מין קעלט
אז גאָר דער אומרו
פון דער גאנצער וועלט
אין דיר זיך זאמלט
און יעדעם וואָרט וואָס דו ווילסט זאָגן
צי מען זאָגט עס דיר
קלינגט דיר ווי געשטאמלט
און גייסט ארום
ווי א פארבלאָנדזשעטער
אין שטאָט אין אייגענער
און האָסט דאָס פאָרגעפיל
אז פון דעם אָנהייב
ביז צום סוף פון סופן איז איין רגע נאָר
וואָס האלט דאָס גרויסע מויל צום שלינגען אָפן
און דאָך דיין אומרו גייט פארביי
דו ווייסט נישט ווען
און פילסט ווי'ס לעבן רויקע הייבט אָן זיך
צו געשטאלטיקן אויפסניי.

פאראנען שטילע נעכט
ווען די לבנה אויף דעם הימל
איז גאנץ און קיילעכדיקער נאָך
פון אונדזער רונדער ערד
און אלע שטערן ארום איר
זיי זענען גרוים און פיל אין צאָל

און איבערציילן זיי איז אזוי שווער
ווי ציילן פונעם ברעג פון ים דאָס זאמד
און מיט לבנה אלע שטערן ווענדן זייער ליכט
צו אלע מענטשן מיט א ווייסן רוף:
קוקט ארויף, מיר זענען גערן,
אין אזעלכע נעכט, פון אייער מויל צו הערן
וואָס איר זאָגט וועגן לבנה און שטערן!
מענטשן לאָזן זיך קיין סך נישט בעטן
ווער מיט פידל, ווער מיט בלויזן קול,
ווער מיט צימבלען און טרומעטן,
ווער מיט ווערטער שיינע,
אלע זינגען זיי א לויב צו דער ווייסער ליכטיקייט
וואָס שענקט דער רגע רו דעם טעם פון אייביקייט.
און דאָך, אין רו דיינער און פרייד די גאנצע
רו פילסט ווי עס פעדעמט זיך אריין דער אומרו
אין די ביינער.
פון וו ער נעמט זיך ווייסט נישט קיינער.

צו נעכט אומרויקע און שטילע
געגליכן זענען אויך די מענטשן,
זיי קאָנען אין א צייט פון רו
ארויסשטופן פון זיך דאָס טיף באהאלטענע, דאָס מיאוסע,
און אין א צייט פון קלעם
ארויסשטראלן פון זיך
דאָס נאָך טיפער אין זיך באהאלטענע,
וואָס שטעלט אין שאָטן ווּט און גלות,
וואָס מאכט אונדז גלייבן נאָך א מאָל
דער מענטש איז גוט.

ס'האָט איינע אזא נאכט,
א שטילע אומרויקע נאכט,
וואָס ברענגט אריין אן אומרו אין אלץ וואָס לעבט
אין דינסטן גראָז אפילו,
מיט א לבנה א נאָך קיילעכדיקערע
ווי אונדזער רונדע ערד,
מיט אומצאָליקע לאָקנדיקע שטערן,

זיך פאַר אונדז באַוויזן,
מיט איר ווייסן רוף,
און אונדז געהייסן צו דעם הימל קוקן
און בעת מיר אַלע האָבן
אַרויפגעקוקט פאַרגאַפט
געזען מיר האָבן ווי עס בייגן הויכע הייזער זייער רוקן
געפילט אונטער די פיס ווי ס'קאָן די ערד נישט אָפּשטעלן זיך
פון איר וואַקל,
גריבער האָבן זיך געעפנט
און געשלונגען גאַנצע שטיבער
לעצטע קולות פון פאַרשלונגענע
דורך טויטנדיקע חורבות
האָבן אין דעם ציטערדיקן חלל
אין די ציטערדיקע ערד
איינגעהילט אין אַ יללה
און רגעם עטלעכע
וואָס האָבן אויסגעוויזן זיך אַן אייביקייט
האָבן געלאָזט אונדז פילן
דאָס געפיל: סך הכל...
נאָר מיט לעצטן ציטער פון דער ערד-ציטערניש
האָט יעדער מענטש געזאָגט דעם צווייטן
ציטער נישט!
ציטער נישט!
די מענטשן האָבן זיך דערפילט
ווי אויסגעטרייסלטע פון אַלדאָס שלעכטס,
די שרעק האָט ביסלעכוויַיז פאַרוואַנדלט זיך אין מוט
און אַלע מענטשן זענען מיט אַ מאָל געוואָרן גוט.
צווישן אַלע שטילע נעכט
און נעכט אומרויקע
פאַרבלייבן וועט לזכר
יענע נאַכט
פון פערטן מערץ
טויזנט ניין הונדערט זיבן און זיבעציק
ווען ס'האָט די ערד פון דעם קאַרפּאַטן-לאַנד
רומעניע
אויפגעפלאַצט מיט זידנדיקער לאַווע
פון דער טיפסטער טיף פון ערדס געדערעם
און געשטעלט פאַר אַ נסיון מענטש מיט מענטשן
חבר מיט חברים.

ס׳האָט מענטש אין יענער נאכט דאָך אויסגעהאַלטן דעם נסיון
און ס׳האָט א לויכט געטון פון אים
מיט נייעם לעבנס-ווילן
און מענטש האָט מענטש באַגעגנט
און געהאָלפן
מיט וואָרט און טאַט
און מיט די ריינסטע מענטשלעכע געפילן.

די ווייזערס פון די זייגערס האָבן אָפּגעשטעלט זיך און געוויזן
איינאוצוואנציק מיט צוויי און צוואנציק

איבער חורבות, רויך און אייזן-זשאווער
דערפילט האָט מענטש
דעם מענטשנס הילף
וואָס איז געקומען פון א חבר.

באַגלייטן וועט אונדז ביז צום טויט
דער אָנדענק פון דער נאכט פארשאָלטענער
און אייביק וועט פארבלייבן
אין דער וועלט׳ס זיכרון
אי דער שאָדן וואָס איז באַלד
פארריכט געוואָרן
און מען קאָן אים וועגן, מעסטן, ציילן,
אי דער שאָדן וואָס ער האלט זיך נאָך אין היילן
אי דער טרויער נאָך די
אַלטע
קינדער
מענער
פרויען
טאַטעס מאַמעס
זין און טעכטער
טויזנט פינף הונדערט זיבעציק מיטן טויט געטראָפענע

פון וועלכע
ניין
איך וויל מיט זייערע נעמען דאָ דערמאָנען

אנאטאָל באָקאָנסקי
סאווין בראטו
דאניעלא קאורעא
מיהאי גאפיצא
ווירדזשיל געאָרגיו
אלעקסאנדרו איוואסיוק
מיהאיל פּעטראָוואנו
ווערָאניקא פּאָרומבאקו
ניקאָלאע שטעפאנעסקו

ניין אמת-זוכער, שרייבער,

וואָס האָבן יאָרן נאָכאנאנד געטיילט צוגלייך יסורים און פרייד
און זיי האָבן אין לעבן און אין טויט זיך נישט צעשיידט.
צוליב זיי,
די אמת-זוכער ניין,
וועט מען אין לעבן קיין מאָל קאָנען אונטערציען קיין סך הכל
פון יענעם שוידערלעכן ערדן-וואקל.
מיט דעם טויט וואָס האָט די ניין געטראָפן
וועט לעצטע שורה פון סך הכל בלייבן אייביק אָפן.

טויזנט פינף הונדערט זיבעציק טויטע
צען מיליארד ליי מאטעריעלער שאָדן
צוויייאונדרייסיק טויזנט ניין הונדערט הייזער חרוב געוואָרענע...
און וויפל ביכער נישט געשריבענע
וואָס וועלן מער קיין מאָל נישט געשריבן ווערן?
און וויפל לידער נישט געשריבענע
וואָס וועלן מער קיין מאָל נישט געשריבן ווערן?
וויפל טרוימען נישט דערפולטע?

עס וועלן אלע יאָר אין פרילינג
די גערטנער זיך באַדעקן מיט בלומען

און די פייגל פון די ווייטע לענדער
וועלן צוריקקומען
נאָר מיר, די וואָס האָבן איבערגעלעבט,
וועלן מער קיין מאָל נישט זיין
די וואָס מיר זענען געווען.
דער ווייץ אויף די פעלדער
וועט ווייטער וויגן זיין גאָלד קעגן דער זון
נאָר מיר וועלן שוין אזוי ביז צום טויט
פילן אַן אשיקן טעם
אין יעדן שטיקל ברויט.
די גראָ-געוואָרענע אין יענער ווייסער נאכט
וועלן ארומגיין אויף די קבר-גאסן
מיט אלטע קעפּ און מיט פארוויינטע הערצער
און הערן וואָס סע זאָגט נישט
יעדער שטומער שטיינגעבליבענער מצבה-שטיין:
דאָס לעבן בלייבט נישט שטיין...

נאָר די לידער די נישט געשריבענע...

# באגעגענישן

# באנאלע דראמע

איך פארשטעל זיך פאר א ליץ וואָס מאכט רעקלאַמע
און איך פארבעט אייך איר זאָלט זען
די עלטסטע און מאָדערנסטע דראמע.
מען זאָגט די דראמע האָט נישט קיין דערפאָלג
ווייל זי איז צו באנאל
פאר אזא טיפן טאָלק.
און איך זאָג אייך בפירוש
צו זען די דראמע איז כדאי
ווייל זי ווערט געשפילט אויך היינט גאנץ פריי
אונטערן פרייען הימל
אויף דער זעלבער וועלט
פונקט ווי זי האָט זיך אפגעשפילט
צום ערשטן מאָל
אין יענע ערשטע טעג פרימערע
ווען מ'האָט נאָך נישט געקענט דאָס וואָרט
פרעמיערע.

די דראמע איז געוואָרן שוין ביי איר אנטשטיין
— פארוואָס, וועט איר געווים אליין פארשטיין —
א שפיל א גאנץ טאָגטעגלעכע
יעדער פלאַץ איז פאר דער שפיל א מיגלעכער
מען דארף נישט ווער ווייסט וואָס פאר דעקאָראציעס
מען דארף נישט זען, פארשטייט זיך, קיין שום מאכינאציעס,
מען דארף אויך נישט קיין צופיל ליכט,
די דראמע קאָן זיך אָפשפילן אויך אין דער פינצטער,
עס ווערט דער שפילער, דער וואָס שפילט דעם מערדער,
נישט באשטראָפט מיט שטראָף דער מינדסטער,
פארקערט, ער ווערט נאָך אויסגעצייכנט,
דער עולם אפלאָדירט אים און ער שמייכלט.
עס לוינט זיך סתם צו קוקן און צו הערן
עס קאָן אפשר צו נוץ קומען
— ווי זאָגט מען —
באהיט גאָט, מען זאָל גאָרנישט געפרווט ווערן.

די פארשווינען פון דער שפּיל
זענען אין דער צאָל נישט פיל.
אָן טרומייטערס און אָן פּויקן
אָן א טוש אפילו אויף גלאנציקע קלאוויר-קלאווישן
וועט איר זיך מוזן פאָרשטעלן אז איר זעט
אדם הראשון!
עס זאָל זיך אייך נישט אויסווייזן טשיקאווע
וואָס אין דער ערשטער וועלט-דראמע
שפּילט שוין א פרוי
— איך שווער אייך ס׳איז געווען אזוי —
זי האָט געהאט א האלטונג קאָן מען זאָגן
— בפרט פאר יענער צייט —
א בראווע,
איך מיין די גוט באקאנטע און פּאָפּולערע
חוה!
זי האָט געבוירן — ווי באוווסט — איר מאן
צוויי זין:
קין!
און
הבל!
אפשר ווען די מוטער חוה וואָלט געבוירן
שטאָט דעם צווייטן זון א טאָכטער
וואָלט קין נישט געווען אזאַ צעקאָכטער,
אָבער, ווי איר ווייסט, איז קינדער האָבן
נאָך עד היום גאָר א בלינדע זאך
און ס׳לוינט זיך נישט צו רעדן וועגן דעם קיין סך.
חוץ קין, הבל, אדם, חוה,
שפּילן אין דער דראמע נאָך א ראָלע:
— מען קאָן דאָס לייענען אין א מדרשדיקער פּארמעט-ראָלע —
א בת-קול וואָס סע רעדט פון הימל,
א ראָב
און א געטרייער הונט וואָס וועקט די טאטע-מאמע
פון זייער דרימל.
הקיצור, ס׳האָבן ברידערלעך געלעבט א קורצע צייט די ברידער,
ביז ס׳האָט זיך צווישן זיי געיאָוועט א סיכסוך, א גערידער.
ווער האָט זיך געקאָנט גאָר ריכטן
אז א טראגעדיע קאָן אָנהייבן
מיט א ברידערלעכן שמועס א שטילן

און ענדיקן זי קאָן זיך
ווען איין ברודער וועט דעם צווייטן
אומברענגען, פאַרניכטן.
עס ווילט זיך אייך נישט גלייבן וואָס איך זאָג?
טאָ הערט זיך צו צו זייער דיאַלאָג:
קין: ברודער הבל, לאָמיר זיך טיילן מיט דער וועלט.
הבל: גוט, ברודער קין, איך בין גרייט.
קין: איך נעם מיר די ערד.
הבל: איך נעם די שאָף.
קין: און מיר קערן זיך מער גאָרנישט אָן.
הבל: און מיר קערן זיך מער גאָרנישט אָן.

מיט לעצטן וואָרט די ברידער זענען זיך צעגאַנגען
די רויטע זון איז — צופעליק — פונקט דעמלט אויך פאַרגאַנגען.
מיט שטילע טריט, פאַמעלעך, נישט געלאָפן
די ברידער צוויי זענען געגאַנגען שלאָפן.

דעם צווייטן טאָג
קומט הבל מיט די שאָף אין פעלד זיי פּאַשען.
פּלוצעם הערט ער ווי זיין ברודער הייבט אָן שרייען:
קין: הער נאָר, ברודער, די ערד
אויף וועלכער דו שטייסט געהער צו מיר,
איך לאָז דיך מער נישט פּיטערן די שאָף אויף איר.
הבל: און די וואָל וואָס דו טראָגסט אויף דיין לייב איז מיינע.
קין: איך וויל פון גאָרנישט וויסן,
פּלי אין די לופטן מיט די שאָף
און לאָז די ווינטן גריסן!
הבל: טו אויס מיין וואָל און נאַקעט בלייב!
היצן, קעלטן, זאָלן צוויקן דיר דיין לייב!

א וואָרט און א וואָרט
און עס פאַלן שוין קלעפּ.
הבל אנטלויפט
און קין לויפט נאָך.
די שאָף זיך דערשרעקן,
עס ווערט א בהלה,
מען לויפט איבער בערג

מען לויפט איבער טאָלן,
ביז קין האָט הבל'ן דעריאָגט.
הבל זיך ווערט
און קין ליגט באַלד אונטער אים
אויף נאַקעטער ערד.
הייבט אָן צו שרייען צו הבל'ן
קין: הבל — מיין ברודער — לאָז אָפּ!
באַטראַכט נאָר מיט קאָפּ,
מיר זענען די איינציקע
דאָ אויף דער וועלט.
זיי זיך מישב,
אויב דו וועסט מיך טויטן, באַרויבן,
באַטראַכט דיינע טאַטן,
וואָס וועסטו זאָגן דער מאַמען, דעם טאַטן?
הבל: בנאמנות,
כ'האָב אויף דיר רחמנות!
איך גיי צו מיינע שאָף
און פאַרן אויפהייבן דיין האַנט אויף מיר
באַפריי איך דיך פון שטראָף.

גייט אים קין נאָך,
דעם קאָפּ געבויגן,
נאָר גיריקייט און קינאה
זידן אין זיין בלוט
און צינדן אָן אים
פון שפּיץ פינגער
ביז צום קאָפּ.
עס ברענען זיינע אויגן.
ער כאַפּט פון ד'ערד אַ שאַרפן שטיין
און טוט אַ זעץ מיט אים פון הינטן
הבל'ן אין אַ ריפּן-ביין.
פאַלט הבל אוועק,
האַלב לעבעדיק האַלב טויט.
זעט קין אַז ער לעבט נאָך
דערלאַנגט ער מיט דעם שאַרפן שטיין
צו הבל'ס האַלדז
און... רויט

א שנירל-דין
עם פליסט דאָס ברודער-בלוט
און קרייזט ארום די גאנצע ערד
און ס׳שרייט, נאָר קיינער הערט.
איינער הערט נאָר: קין.
ווײל ער גיך דאָס בלוט פארשרייען
און אנטלויפן.
הערט ער גאָר א בת-קול שרייען:
בת-קול: קין! ווו איז הבל, דיין ברודער?
הבל, דיין ברודער דער גוטער?
קין: צי בין איך דען מיין ברודערס היטער?
ווער עס טראָגט אויף זיך און היט די גאנצע וועלט
האָט אויך אים בּאדארפט אָפּהיטן.
בת-קול: דו האָסט אים געהרגעט!
דאָס קול פון דיין ברודערס בלוט
שרייט פון דער ערד!
קין: אויף מיין לעבן האָב איך קיין געהרגעטן נישט געזען,
פון ווו האָב איך געקאָנט וויסן
אז פון א קלאַפּ אין האלדז אים מיט א שטיין
וועט ער אוועקשטארבן?
אָבער מיין פאָטער און מוטער וויסן דערפון גאָרנישט,
זיי האָבן נישט פון ווו צו וויסן,
זיי האָבן פון דעם אלץ וואָס ס׳האָט פאסירט גאָרנישט געזען.
בת-קול: דער וואָס היט די גאנצע וועלט
האָט דיך געזען,
די גאנצע וועלט וועט דערפון וויסן,
דו האָסט דיין ברודערס בלוט
אויף דיין געווויסן.
קין: אז ער האָט געזען, פארוואָס האָט ער נישט מיין האנט געליימט
איידער איך האָב אים געהרגעט?
פארוואָס האָט ער צערייצט אין מיר דעם יצר הרע?
ווען ער וואָלט אויף מיין צאָרן גוט געוואכט
וואָלט איך אים נישט אומגעבראכט.
ער האָט געקאָנט אים געבן כוח זיך צו ווערן,
פון זעלבן שארפן שטיין, אין קאמף,
בין איך געבליבן מיט א צייכן אויף מיין שטערן.
פאר ווייטיק און פאר בושה וואָלט איך וויינען גערן,
נאָר ווער וועט מיין געוויין דערהערן.

דעם צייכן אָפּמעקן איך וועל שוין מער נישט קענען
און אַלע קומענדיקע דורות וועלן מיך דערקענען.
בת-קול: נו, ווייַן נישט! מאַך דיר נישט קיין זאָרגן,
די וועלט האָט שוין אַזאַ טבע
וואָס זי געדענקט פון נעכטן, פאַרגעסט זי מאָרגן.
דער צייכן וועט דיר געבן חן,
דערפאָלג פון קראַפט וועט דיך פאַרווייגן
און קיינער וועט דיך אייביק שוין נישט קאָנען מער באַזיגן.

און ס'האָט דאָס קול פון בת-קול
זיך צעקלונגען ווייט, אין אַלע ערטער,
און ס'גילטן נאָך ביז הייַנט
די שיינע און באַרעמהאַרציקע דערמוטיקנדיקע ווערטער.

אין פעלד האָט אָנגעהויבן בלאָזן
אַ צאַרט און רויק ווינטל
און קין האָט געלאָזט זיך גיין איבער דער וועלט,
אַן אויסגעצייכנטער מיט יענעם שטערנדיקן חן-פינטל,
וואָס האָט געמאַכט אים שענער
און ער האָט אָנגעהויבן, מיט דער צייט, אַלץ מערער
נושא-חן זייַן ביי די שיינע פרויען
און מלוכה-מענער.

הבל איז געבליבן ליגן
אויף דער ערד
וואָס שרייַט מען זאָל נישט צולאָזן קיין מאָרד און ליגן,
געהיט עס האָט אים זייַן געטרייער הונט,
וואָס האָט געבילט
עלעהיי ער וואָלט גערעדט צום ווינט,
ביז טאַטע-מאַמע,
אדם — חוה,
זענען אָנגעקומען און זיך צעוויינט,
אויף זייער וויי און ווינד.
זייער קורצער דיאַלאָג
איז נאָר גוט פאַרן עפּילאָג:

אדם: וואָס טוט מען מיט דעם טויטן קערפּער, חוה?
חוה: פונוואַנען זאָל איך וויסן?
ס׳איז דאָך דאָס ערשטע קינד
וואָס מ׳האָט מיר אויסגעהרגעט.

ווי זיי וויינען ביידע און זיי קלאָגן,
פליט אָן א ראָב
וואָס ברענגט א טויטן ראָב אין מויל צו טראָגן,
ער לאָזט אראָפּ דעם טויטן ראָב אויף דער ערד,
צעשאַרט די ערד, ביז אונטער זיינע פּיס א גריבל ווערט,
באַהאַלט דעם טויטן ראָב אין גרוב, ווי עס געהערט,
און דעקט אים צו מיט פרישער ערד.
אזוי האָבן אדם און חוה געלערנט ביי ראָבן
וויאַזוי זייער געהרגעטן זון צו באַגראָבן.

ס׳איז נישט געפאַלן קיין פאָרהאַנג,
מען האָט קיין פאָרהאַנג נישט אַרויפגעצויגן
הבל איז נישט אויפגעשטאַנען פון קבר
זיך צו באַדאַנקען פאַר די צושויער נאָכן פינאַל
אי ווייל ער געטראַכט האָט
אַז פונעם קבר אויפשטיין איז באַנאַל
אי ווייל דעמאָלט זענען נישט געווען קיין שטריק
מיט וועלכע מען זאָל דעם פאָרהאַנג קאָנען ציען.
אויסער דעם געהער דאָס צו די פוילע שטיק
מיט וועלכע מען וויל פאַרזיסן נאָר א שטאַרקע דראַמע,
כדי מען זאָל נישט מיינען אַז דער וועמען מ׳האָט געהרגעט
איז טאַקע געשטאָרבן.
עס קאָן דער צושויער, חלילה, ווערן נאָך דורך אזא משל,
פאַרדאָרבן.
און ווען עס פאַלט א פאָרהאַנג
וואָלט מען געזאָגט די דראַמע איז אַלטמאָדיש
און מען וואָלט זי אויפגעפירט פּאַראָדיש.
אזוי איז זי געבליבן גאַנץ מאָדערן,
כאָטש זי איז אַנשטאַנען אין יענע ערשטע טעג פרימערע,
ווען מ׳האָט נאָך נישט געקענט דאָס וואָרט פּרעמיערע
און ז׳איז געוואָרן א פּאָפּולערע שפּיל

א גאנץ טאָגטעגלעכע,
יעדער פּלאַץ איז פאַר דער שפּיל א מינלעכער,
מען דאַרף נישט ווער ווייסט וואָס פאַר דעקאָראַציעס,
מען דאַרף נישט זען, פאַרשטייט זיך, קיין שום מאַכינאַציעס,
מען דאַרף אויך נישט קיין צופיל ליכט,
די דראַמע קאָן זיך אָפּשפּילן אויך אין דער פינצטער,
עס ווערט דער שפּילער, דער וואָס שפּילט דעם מערדער,
נישט באַשטראָפט מיט שטראָף דער מינדסטער,
פאַרקערט, ער ווערט דערפאַר נאָך אויסגעצייכנט,
דער עולם אַפּלאָדירט אים און ער שמייכלט.

# ווייסע מילך און רויטע מעסערס

טויזנט פינף הונדערט יידן זענען מיר געווען
נאָר פון אונדזער שטאָט אַליין.
יידן סוחרים, באַלמעלאָכעס, לערנייִנגלעך און כלי-קודש,
שיחטים, קלייט-משרתים, אָרעמע אינטעליגענץ,
יעדער מיט זיין אייגן פעקל,
שוין! אוים קינאה, קאָנקורענץ,
אָנגעלאָדן אין וואַגאָנען,
עס יאָגט דער צוג אין נאכט אין טיפער
אַלע מאָל ער טוט א פייף,
עס וויל זיין פייף אונדז ווי פארנארן,
ווו מען פירט אונדז ווייסט נישט קיינער
חוץ די היטערס, די זשאנדארן.
זאָגט איינער מען פירט אונדז צו די ווייסע בערן
זאָגט א צווייטער אז ס׳איז נישט כדאי גאָר וועגן דעם צו קלערן
ווייל ער האָט געהערט ווי צוויי סאָלדאטן
האָבן סודותדיק געשמועסט
— און ער האָט פארשטאנען, זאָגט ער, אַלץ —
אז מען פירט אונדז גראָבן זאַלץ.
— כ׳האָב מורא — זאָגט א דריטער — פון דעם שמועסן
זאָל מען אונדז נישט פירן שיסן.
— וואָס הייסט שיסן, עפּעס אזוי, שיסט מען?
— ניין, שיסן שיסט מען אנדערש
נאָר אזוי, שמועסט מען.
האקט איבער די רייד א ייד
און זאָגט אז ער מיינט אויבעט
די סכנה איז גרוים:
איר האָט געהערט וואָס מ׳האָט געטאָן
דעם קימפּולונגער שוחט?
אום יום-כיפור האָט מען אים געהייסן
אויפלאָדן זיין ביסל האָב און גוטס
אויף א וועגעלע
מיט וועלעכן מען פלעגט דאָס מיסט פון שטאָט ארויספירן
און אים געהייסן ער זאָל זיך איינשפּאנען,
במקום א פערד
און אזוי זאָל ער און זיין מישפּחה
דאָס שטעטל פארלאָזן.

האָט מען שוין אַזוינס געהערט ?!
פוןביידע זייטן גאַס זענען געשטאַנען
זיינע לאַנג באַקאַנטע שכנים
און אַלע האָבן אים באַשפּיגן.
ער האָט געקוקט אויף רעכטס, געקוקט אויף לינקס
און נישט געזען קיין מיטלייד-בליק ביי קיינעם.
— אַקעגן וואָס דערציילט איר דאָס ?
— איר ווילט אונדז שיטן זאַלץ נאָך אויף די ווונדן ?
— דאָס לעבן איז אַ רייזע
אויף דעם ערד קײַלעך דעם רונדן,
אָן אַ דנאָ און אָן אַ שפּיץ,
איינער פאָרט אַרום מיט מרה שחורה
אַ צווייטער פאָרט זיך דורך מיט אַ וויץ.
— איר האָט געהערט וואָס משהלע האָט געענטפערט
ווען מ'האָט געפרעגט אים
וואָס ער וואָלט געוואָלט זיין
ווען היטלער איז זיין טאַטע ?
— אַ יתום!
אַלע לאַכן מיט גריזאָטע...

אין אַ ווינקל פון וואַגאָן
ברענט שוין אַ פּרימוס און עס קאָכט זיך טיי.
איך וויל נישט וויסן וואָס געווען
איך וויל נישט וויסן וואָס ס'וועט זיין
— זאָגט מיט אַ זיפץ אַ הייסער ייד —
צו אונדזער רייזע פּאַסט, איך מיין,
דאָס שיינע טריבע רייזן-ליד:

הוליעט, הוליעט,
בייזע ווינטן
איצט איז אייער צייט
אַלע האַלטן אונטער:
נישט לאַנג דויערן וועט דער ווינטער
זומער איז נישט ווייט...

נאָך לאַנגע דריי טעג
און לאַנגע דריי נעכט

מיר זענען דערפֿאָרן צום אָרט דעם באַשטימטן.
מען הייסט אונדז אַראָפּגיין פֿון צוג אינדערגיך,
מיר בלייבן אין פֿעלד,
דער צוג פֿאָרט צוריק מיט אַ פֿייף צו די ווינטן.
די זעלנער אונדז ציילן מיט שפּיץ פֿון באַגנעט
און שטעלן אונדז אויס אין די רייען
זיי שעלטן, אין קול זייערן הערט זיך געשפּעט,
זיי רעדן נישט מער, נאָר זיי שרייען:
— פֿון איצט און ווייטער זענען מיר באַלבאָס אויף אייך,
איר זעט מער נישט די פֿרייהייט, זשידעס, מיט אַלע אייערע געטער,
עס קאָן אייך שוין נישט רעטן פֿון דאַנען קיין שום רעטער.
דאָ וועט זיין אייער קבֿר, פֿריער אָדער שפּעטער!
— איר זעט דאָרט יענעם באַרג וואָס שטייט פֿאַר אייך?
צופֿוסנס פֿונעם באַרג איז אַ שטיינערנער גרובן.
אין גוטן צי אין שלעכטן וועטער,
דאַרף יעדער זשיד, אַ יעדן טאָג,
דאָרט אויסהאַקן אַ הויפֿן שטיינער
פֿון גאַנצע און ערלעכע צוויי קוביק-מעטער.
אויב עמעצער פֿון אייך וועט נישט פֿירן זיך גלייך,
נישט הערן, נישט פֿאָלגן, וואָס מיר וועלן זאָגן,
וועט ער אויפֿן באַרג, מיט די אייגענע הענט,
זיין אייגענעם קבֿר זיך גראָבן!
רעכטס איז דאָס שטעטל
וווּ ס'האָבן געוווינט די כאַרכאַרעס, טערטאַנעס,
דאָרט וועט איר שלאָפֿן, ביי נאַכט נאָך דער אַרבעט,
צו עסן, מער ווי באַשטימט איז,
טאָרט איר נישט האָבן קיין טענות!
— העי, איר שוחטים, באַבערדלטע כאַכאַמעס,
רוקט אַרויס זיך מיט צוויי שפּאַן,
מיר ווילן איצט מיט אייך קאַטאָוועס טרייבן:
העי, פֿריזירער, אַ רוח דיר אין די ביינער אין דיין מאַמעס,
פֿאָר אַריין מיט שער-מאַשינדל דיינעם אין זייער פּרצוף
עס זאָל פֿון באָרד און פּאות נישט קיין סימן בלייבן!

טויזנט פֿיר הונדערט זעקס און ניינציק יידן
שטייען און קוקן

ווי מען שערט אויף חוזק אַפּ ביי יידן דריי
די פּאות און די בערד...
האָר געקרייזלטע און טרערן פאלן אויף דער גרינער באסאראבער ערד

א פייף!
מען הייסט אונדז גיין
און מיר גייען.
באגלייט און געהיט פון זשאנדארן
מיר גייען אקעגן די אומבאקאנטע געפארן.

מיר קומען אריין אין דעם שטעטל,
ווו ס'האָבן געלעבט ביז נישט לאנג
אין די צענדליקער טויזנטער יידן.
די יידן, ווער ווייסט ווו זיי זענען ?
אויסגעשאָסן, אויסגעהרגעט, אויסגעקוילעט,
אוים!
נישטאָ פון זיי איינער,
און ווו זייער קבר איז
ווייסט אויך נישט קיינער.
די הייזער פארוויינטע, פּוסט און פארלאָזט,
פארבלוטיקט דער פּאָל און די ווענט
די אויסגעזעצטע שויבן זעען אוים ווי אויסגעשטאָכענע אויגן.
עס טרילערט נישט מער אויף די דעכער קיין שום פויגל.

מיר באזעצן זיך אין אונדזער נייער היים
און ס'ווערן קעמערלעך געגרינדעט אין געהיים
און אויף דער גיך מען קלערט באלד צו די ערשטע שריט
כדי דעם פּחד און דעם צוואנג
דעם עלנט און דעם הונגער
צו מאכן פאר דעם עולם גרינגער.
מען רייניקט די ערטער ווו מען דארף שלאָפן
מען זאמלט די ביכער וואָס ליגן פארשעמט
און אנדערע זאמלען פון איטלעכן געלט
צו געבן דעם זעלנער דעם עלטסטן,
ס'א סברה ער נעמט.

צוגעפאלן איז די נאכט
לבנה און שטערן קוקן אריין דורך דעם אָפענעם דאך
מיר ליגן אויף דעם שטרוי פון דער ערד,
צו פערציק — פופציק אין א צימער
די זעלנער טיילן זיך שוין אויף דער גאס מיט אונדזער ערשטן געלט
און ס'הייסט מיר האָבן זיך געקויפט אביסל רו
זיי טוען זיך זייערס, אָן קיין שום קומער.
ביי לעמפעלעך קליינע, מיט גאָר ווייניק נאפט,
מען הייבט אָן צו מישן די בלעטלעך פון יידישע ביכער.
דער שוחט רב זיסי האָט געטראָפן אין א ליידיקן פאס
א גרויסן מדרש תנחומא
רב אהרון, רב משה, האָבן געפונען גאנץ ש"ס
זיי זיצן שוין אלע, ווי אין שיל ביי די קינות,
און קוקן אריין אין די ספרים, מיט געבויגענעם נאקן
און גלעטן מיט צער די באָרדלאָזע באקן...
קלמן דער גראמער קוויקט זיך און וויינט
מיט א ליד וואָס ער לייענט
דאָס ליד הייסט "שמחה ליהודים„.
ער איז מיט דעם לייענען דאָס ליד נאָר פאר זיך
איינגאנצן פון זיך נישט צופרידן.
ער לייענט אויף א קול: יהודה לייב לעווינס
א שמחה ביי יידן
„א טומל אין שטאָט, א גערויש, א געפילדער,
און יונג און אלט דרענגען זיך אום אין די גאסן;
א שטורעם צעברויזט זיך אלץ ווילדער,
עס זענען צעפלאמט פון רציחה די מאסן:
א הרוג געפונען דאָרט הינטער א פלויט —
און קיינער ניט וויס, ווער עס האָט אים געטויט".

„עס ליארמען די מאסן און קאָכן און זידן:
ס'איז אונדזערס א ברודער, צום וויי און צום שאָדן —
אים האָבן געטויט די פארשאָלטענע יידן,
זיין בלוט אין די מצות אויף פסח פארקנאָטן —
א טויט אויף די יידן! הערט, ברידערלעך, הערט,
דעם ברידער'ס געבליט שרייט ארויס פון דער ערד!"
— — — — — — — — — — — — — — — — —

„שא! וואָס איז געשען? וואָס איז שטילער געוואָרן?
צי קומט אָן די מאכט אָט דאָס אומגליק פארמיידן?"

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

„עס האָט פּאָליציי זיי געגעבן צו וויסן
אז ס'איז ניט דער הרוג פון זייער אמונה:
דאָס איז גאָר דער ייד וואָס גייט איבער דערפער
מיטן פּאַק אויפן פּלייצע צו זוכן חיונה.
מ'האָט אין א שענק דאָרט זיין פּעקל פארקויפט,
עס האָבן אים דאָרטן די רוצחים פארזויפט".

„פארשעמט איז צעקראָכן אהיים יעדער איינער,
אנטוישט און פארדראָסיק, אין אמת'ן טרויער,
זיי האָבן געקריצט נעבעך שטארק מיט די ציינער,
א ייד איז דער הרוג, כאָטש וויין און באדויער.
אראָפּגעלאָזט נעבעך די קעפּ צו דער ערד —
דער ייד האָט אן אמתע שמחה צעשטערט!„

„דערפאר אויף דער יידישער גאס איז איצט יום-טוב,
א שמחה, א גדולה האָט יידן געטראָפן:
מ'מאכט א לחיים, מ'זאָגט זיך: גוט יום-טוב!
א נס איז געשען ס'איז קיין בייז ניט פארלאָפן.
א ייד איז דער טויטער, גאָט'ס חסד איז גרויס,
קומט, יידן, אין טענצל אין פריילעכס ארויס!„

דוד דער קרעמער לייענט ביאַליקס א בוך
מיט „שחיטה-שטאָט"-בלעטלעך רוצחיש פארבלוטיקט
גאָר דוד גלייבט אלץ נאָך און שרייט אויף א קול
אז ביאַליק אין צאָרן דערמוטיקט.
פּרץ דעם שוחט'ס דארף נישט קיין ביכער
ער קען פּרץ'ס „מיין נישט" אייך זאָגן אויף זיכער
מיט אויגן פארמאכטע, יעדעם וואָרט, אויסנווייניק.
און וויפל ער זאָל אונדז דאָס ליד אלץ נישט זאָגן
זאָגט ער אָן אויפהער אז ס'איז ווייניק:

„די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערזע, קיין הפקר!
געמאָסטן ווערט אַלעס, געוווויגן ווערט אַלעס!
קיין טרער און קיין בלוטיקער טראָפּן פאַרגייען,
אומזיסט ווערט קיין פונק אין קיין אויג נישט פאַרלאָשן!
פון טרערן ווערן טייכן, פון טייכן ווערן ימים,
פון ימים — א מבול, פון פונקען — א דונער.
אָ, מיין נישט לית דין ולית דיין!"

שלמה דער חקרן האָט סטופּניצקים א בוך דאָ געטראָפן
וועגן דעם גרעסטן — זאָגט ער — פון די וועלט-פילאָסאָפן.
צי מען וויל הערן ער פרעגט נישט ביי קיינעם
און הויבט אָן מיט פאַטאָס צו לייענען:
„ס'איז פאַרן מענטשן נישטאָ גאָר אַזוינס
וואָס זאָל אים זיין מער נוצלעך ווי דער מענטש.
גאָרנישט קאָנען זיך נישט די מענטשן מער ווינטשן
פאַרן זיכערן זייער קיום, גאָרנישט איז נישט ווערטפולער,
ווי אז אַלע זאָלן צווישן זיך צונויפשטימען מיט אַלצדינג
אז ביי אַלע איינעם זאָלן די גייסטער און קערפּערס
זיך אַזוי אויספורעמען
ווי זיי וואָלטן געווען אַלע איין גייסט און איין קערפּער
און אז אַלע זאָלן אין איין געדאַנק שטרעבן,
אויף וויפל ס'איז נאָר מיגלעך,
אויפצוהאַלטן און אָפּצוהיטן זייער זיין
און אַלע זאָלן גלייכצייטיק זוכן
דאָס וואָס איז ניצלעך פאַר אַלעמען".
— ווער האָט דאָס געזאָגט? פרעגט מאיר דער שניידער.
— דער פילאָסאָף שפּינאָזע, איר קענט אים נישט, לײדער.
— עס קאָן זיין אז ער איז א גרויסער פילאָסאָף
נאָר אויף צו וויסן וואָס ס'איז גוט פאַר מענטשן
פעלט אים נאָך אביסל שטאָף.
איך זאָג אייך אז איר וואָלט געמעגט זיין תורה
ערגעצוווּ פאַרוואַרפן
דאָ גלייב איך נישט מיר זאָלן זי באַדאַרפן.
כ'האָב, דוכט זיך געזען מיט אים א פּיעסע אין טעאַטער
ער האָט געפּאָכט איבער דער גאַנצער בינע מיט א גרויסער פעלערינע
און האָט געגעדט צו טויבע אויערן און צו ברענענדיקע ליכט
אויפן סוף פון דער פּיעסע האָט זיך קיינער נישט געריכט.

— איר מיינט אוודאי אוריאל ד׳אקאָסטאַ,
ס׳איז נישט ער... יענער איז געווען אַן אנדערער
— אַן אנדערער ?
און אז איך זאָג ס׳איז ער וואָס קאָסט אייך ?
ווארפט אוועק דאָס ביכל, מאכט דערמיט קיין רעש,
מען קאָן אונדז נאָך חלילה שיסן אַלע דאָ
פאר שפּינאָזאזיש!

שלמה חקרן שווייגט.
ער לאָזט זיך נאָך א טירל אָפן
ווענן שמועס פון פילאָזאָפן,
ביידע שווייגן — אַלע אנדערע שוין שלאָפן.

א פייף!
מען וועקט אונדז אויף פון שלאָף.
ס׳איז שוין פארטאָג,
עס קרייען שוין די הענער
מיר דארפן גיין שוין האקן שטיינער.
אויסגעשטעלט זיך ווידער אין דער ריי, געהאָרכזאם בראווע,
ביז צום גיין עס טוען אייניקע א כאפּ אריין א דאוון,
איינער האָט דערמאָנט זיך ער האָט יאָרצייט און זאָגט קדיש
מען האלט אונדז נאָכאמאָל די דרשות נעבטיקע
מען איז קיין וואָרט אין זיי מחדש.
די זעלנער טרייבן אונדז מיט בייזן טאָן מיט שלעכטן
ווי גלייך זיי וואָלטן ביי אונדז קיין שום געלט גענומען נעכטן.
פרעגט מען ביי דעם עלטסטן: וואָס הייסט דאָס ?
זאָגט ער אז מען דארף איעדן טאָג אים געבן מעות.
זוכט מען ווידער טיף אין אַלע קעשענעס
און מען זאמלט ווידער כך וכך
איינער זאָגט ס׳איז ווינציק, דער אנדערער ס׳אסך.
די זעלנער נעמען ווי די בלינדע פערד
און עס ווערט פון זיי אַן אנדער לשון שוין געהערט:
— מיר גייען איצט פארביי דעם מארק פון שטעטל.
ווער ס׳האָט געלט, דער קאָן זיך עפּעס קויפן,
נאָר זיך נישט צו ווייט צעלויפן
נישט ארייַנלאָזן זיך מיט דעם עולם דאָרט אין לאנגע שמועסן
און אויף אונדזער פייף — ווידער אַלע אין פראָנט
אויב איר ווילט פון אונדזער גוטן ווילן מאָרגן אויך געניסן!

אין מארק עס רעשן זיך די קויפערס און פארקויפערס
אונדזער באוווייזן זיך עס ווייזט זיי אלע אויס נאר ווי א מופת.
ווי אין א פאנאפטיקום דער מארק ווערט מיט א מאל
פארגליווערט און פארחידושט
און מיר באנעמען דא ווי נאכן אומברענגען די יידן
האט זיך דער מארק פארייידישט.
אויף די קלעצער פון די יאטקעס שטייען אפענע גמראות
אנגעגרייט פאר פאק־פאפיר.
די קצבים טראגן פארטוכער יריעות פון די סיפרי תורות,
איינער טראגט די עשרת הדיברות
אן אנדערער האט אנגעטראפן אויף אז ישיר.
מיר קוקן צו די אותיות מיט אויגן גרויסע
און זעען ווי דער קצב האקט א פיידע חזיר־פלייש
און פאקט זי איין אין א בלאט גמרא מיט חנינא בן דותא.
נאר איידער מיר זענען דאס אלעס תופס רעכט
פארוואנדלט זיך דער מארק אין א געפעכט.
מען רינגלט אונדז ארום פון אלע זייטן,
עס שטרעקן זיך צו אונדז מיט ציטער
גוטע הענט מיט פלעשער ווייסע מילך
עס שרעקן אונדז מיט שינאה, ווילד,
שלעכטע הענט מיט רויטע מעסערס.
— פון וואנען קומט איר, זשידעס?
וו האט מען געלאזט נאך לעבן יידן?
איר וועט זיך זען מיט אלע פריינד די טויטע!
שרייען די וואס שרעקן אונדז מיט מעסערס רויטע.
— האט בטחון, קוקט נישט ווי די וועלט איצט פירט זיך
נישט אלע מענטשן זענען עובר אויף לא תרצח!
זאגן די מיט ווייסער מילך...
מיר שטרעקן אויס די הענט צו ווייסער מילך
נאר רויטע מעסערס אונדז דעם וועג פארשטעלן.
עס מישן זיך די הענט און ס'בייטן זיך די שטעלן,
וו מ'האט געשטרעקט אונדז מילך
מיר זעען רויטע מעסערס,
די מעסערס ווערן בלייך,
עס רויטלט זיך די מילך,
די פארב פון גאנצן מארק ווערט מיט א מאל געביטן
און מיר, אינמיטן.
עס שרייען די מיט מעסערס
עס שטרעקן זיך די הענט מיט מילך...

א פייף!
דאָס קול פון זעלנער טוט א הילך
און טרייסלט אויף דעם מארק און אונדז
ווי פון א וויסטן פינצטערן קאָשמאַר:
— וואָס טוט זיך דאָ?
וואָס איז דאָ דער ווירוואר?
איר ווייסט נישט וואָס אייך קומט דערפאר?
— וואָס קומט אונדז דערפאר?...
נאָך א פייף!
— אלע זשידעס ווידער אין דער פראָנט!
עס רירט זיך מער פון פראָנט נישט קיינער
מיר גייען צו דער ארבעט
האקן שטיינער.

מיר גייען צו דעם שטיין-גרובן
אים אויסהאקן פון, הארץ די שטיינער,
וואָס מיט אונדז וועט ווייטער זיין
דאָס ווייסט נישט קיינער.
צי ברענגט דער מאָרגן ערגערס אונדז,
צי ברענגט ער בעסערס?
עס שווינדלען פאר די אויגן
ווייסע מילך און רויטע מעסערס.

# פראָסט

דער פראָסט
איז היינט שוין נישט מער אזוי שרעקלעך
עס שטעקן שוין ארוים די קעפּ
פון אונטער שניי
די ציטערדיקע שנייען-גלעקלעך
פון ווייטע לענדער ווארעמע
פליט אָן דער ערשטער פויגל
אלם מרגל
אויספּרוווּן דאָס וועטער
און אויב ס'איז מילד גענוג
די גאנצע פייגל-חברה רופן וועט ער...

דיביימער שטייען נאָס ווי קינדער ערשט געבאָדענע
די זעלנער היטן אונדז מיט ביקסן אָנגעלאָדענע
און מיר מיט קעפּ געבויגענע געשווירענע
מיר גראָבן שווארצע ערד געפרוירענע.

# רעגן

ס׳האָט דער שר המים דאָרט אין הימל
ווייזט אוים זיך פארשלאָפן
און געלאָזט די וואסער-קראנעו אָפן.
גייט א רעגן,
איי, א רעגן,
און פארפלייצט דאָ אלע וועגן.
רעגנט שוין אזוי,
נישט איין טאָג אָדער צוויי
נאָר א גאנצע וואָך עס הערט נישט אויף צו רעגענען.
אויף די וועגן איז קיין הונט נישט צו באגעגענען.
מאכט זיך אז א בליץ, א דונער,
טאָרעט אים דעם שר המים
פון זיין טיפן דרימל
בייזערהייט ער דרייט זיך איבער
און מיט דער כמארע-קאָלדרע
ער דעקט זיך בעסער איבער.

און דער רעגן רעגנט
און באוויינט דעם גורל אונדזערן
און באוויינט די געגנט.

די זעלנער הויבן אָן צו שיסן
אויף ארויף צום הימל
נאָר ס׳הערט נישט אויף צו גיין דער רעגן.
פלוצעם,
אָן צו ווארטן מען זאָל ביי אים פרעגן
שיסט ארוים א זעלנער א געדאנק
וואָס קיינער זאָגט נישט
אָבער אלע זעלנער מיינען:
— ווען מען שיסט א יידן
הערט דער הימל אויף צו וויינען...

מיר הייבן אַלע אויף די קעפּ
אין אַלע אויגן
קאָנען אַלע אויגן לייענען
די שרעק פון טויט
און אויך צו לעבן דעם באַגער.
אין יעדן האַרץ
עס וואַקסט דער לעבנס-ווילן מער און מער
דער רעגן ווערט אַלץ שיטערער
ביז ער רעגנט אויס די לעצטע טרער.

די זון
וואָס האָט געהאַלטן זיך אין איין דערווייטערן
קוקט אַראָפּ צו אונדז
און זעט ווי אונדזער פּנים,
ווי דער הימל,
הייבט זיך אָן אויסלייטערן.

## פאַרוואָס דאַרפסטו זיך שעמען

פון בריטשעני קיין יעדינעץ,
ווי א ייד וואָס איז אויסער דעם געזעץ,
צווישן טאָג און נאכט,
פון א זעלנער באוואכט,
גיי איך צופוס
אויף באסאראבער שליאך.

פרעמד בין איך דעם וועג
און דער וועג איז פרעמד מיר
און עס ציטערט אויף מיין לייב דאָס העמד מיר
אַלע מאָל
ווען דער זעלנער נעמט אראָפּ די ביקס פון אקסל
און טראָגט זי אין דער האנט
כדי מיין שרעק זאָל וואקסן.

יעדער שאָטן וואָס זיך שאָטנט פון די ווייטע שטרעקן
ווערט א סיבה פאר אַלץ נייע שרעקן.

הינטער אונדז, פאָרט א וואָגן
פול מיט זינגענדיקע שיקסעס.
איינע טרייבט די פערד
און קנאַלט מיט בייטש, צום טאקט פון ליד,
איבער די פערדלעכס קעפּ,
ווי זי וואָלט דאָס ליד געוואָלט צעשפּרייטן
אויף דעם ווייטן סטעפּ.

דער זעלנער שטעלט דעם וואָגן אָפּ
נאָר מיט איין ווונק,
ער דארף קיין וואָרט נישט זאָגן,
און הייסט מען זאָל אונדז מאכן פלאַץ אין וואָגן.
ער נעמט איבער אליין די לייצעס,
עס ציטערן די פערדן-פלייצעס,
די שיקסעס רוקן זיך צונויף
אויך אויפן ווונק — אָן קיין שום וואָרט,
נאָר איך — איך זיץ אויף א זייט
אביסל אָפּגערוקט און איך גנפין זיך נישט קיין אָרט.

— ער שעמט זיך! רופט אוים מיט א מאָל,
אויף יידיש, איינע.
— ער שעמט זיך! זאָגט איר נאָך,
אויף יידיש, אויך די שכנה.
— ער שעמט זיך! זאָגן נאָך ווי א פאראָל
אלע שיקסעס מיט א מאָל.
— רוק זיך צו — זאָגט מיר די ערשטע,
פארוואָס דארפסטו זיך שעמען?
שמן איז בוימל
און בוימל איז אייל
און אל איז גאָט
און פאר גאָט
דארף מען זיך נישט שעמען...

אלע לאכן,
עס פאָרט דער וואָגן,
שיקסעס זינגען,
זייערע קולות קלינגען,
איך זיץ אָן א וואָרט צו זאָגן
און מחשבות-שאלות
הויבן אָן אין קאָפּ זיך טרייבן:
וויפל יידישקייט
האָט אויף די באסאראבער וועגן זיך געוואלגערט
אז ביי א שיקסע זאָל א ווערטער-שפּיל אזא
פארבלייבן...

פון בריטשען קיין יעדינעץ,
צווישן טאָג און נאכט,
פון א זעלנער באוואכט,
ווי א ייד וואָס איז אויסער דעם געזעץ,
פאָר איך צווישן זינגענדיקע שיקסעס
איבער וועגן פרעמדע
און אומבאקאנטע ערטער
און איך זינג מיט זיי
נאָר מיט דער שיקסעס תורה-ווערטער:
שמן איז בוימל
און בוימל איז אייל
און אל איז גאָט
און פאר גאָט
דארף מען זיך נישט שעמען.

## באגעגעניש

מענדעלע, דער זיידע,
פלעגט געבן צו פארשטיין
אז אויך אויף זיין שפאציר־גאנג
גייט ער קיינמאל נישט אליין.
איז ער מונטער, איז ער מיד,
אים גייט שטענדיק נאָך א ייד...
און געוווסט האָט גוט דער זיידע
ס׳איז דער ייד א גאנצע עדה,
וואָס לאָזט פילן אים דעם טעם
פון דעם פערמאנענטן עול
וואָס פארלאנגט פון דיר ניט סתם
דו זאָלסט זיין דאָס ווידערקול
פון דיין גאס און פון דיין שטאָט
נאָר פאר גאָר דעם גאנצן פאָלק
זאָלסטו זיין דער ענטפער־געבער
אויף די קשיות וואָס סע האָט
און צו יעדער איינער ווייטיק
באלד דערלאנגען וואָס ס׳איז נייטיק.

איך קאָן דעם זיידן גוט פארשטיין
ווי שווער ס׳איז אים געווען
צו וויסן און צו פילן
אז אים גייט נאָך א ייד
וואָס איז א גאנצע עדה.
איך בין אים נאָר מקנא
וואָס יענער ייד געווען איז
א לעבעדיקער ייד
פון א לעבעדיקער עדה.

אויך היינט גייט נאָך א ייד
ווי נאָר ער זעט א יידן

און זוכט אן ענטפער
וואָס זאָל שטעלן אים צופרידן
אויף א קשיה
וואָס אים הערט נישט אויף צו מאַטערן
כאָטש די צייט האַלט זיך אין איין דערוווייטערן.
נאָר ס׳איז דער ייד א טויטער ייד
וואָס פרעגט פאַר יענער אומגעבראַכטער טויטער עדה,
וואָס איר צאָל איז זעקס מיליאָן,
און ער הערט נישט אויף צו פרעגן
יעדן ייד, אויף אלע וועגן,
מיט א טויטן טאָן א הארבן:
פאַרוואָס האָט מען געלאָזט אונדז שטאַרבן?

גייען אזוי יידן, איינער נאָכן צווייטן
דער טויטער ייד דעם לעבעדיקן טוט באַגלייטן,
דער לעבעדיקער ייד גייט נאָך דעם טויטן,
מען גייט זיך נאָך,
מען קומט זיך באַלד אקעגן,
לעבעדיקע,
טויטע,
איינס דאָס אנדערע זיך פרעגן:
— פאַרוואָס האָט מען געלאָזט אונדז שטאַרבן?
— פאַרוואָס פאַרגינט מען אונדז נישט וואָס מיר לעבן?

מען גייט זיך נאָך,
מען קומט זיך באַלד אקעגן,
דער טויטער ייד לעבט זיך אריין
אין לעבעדיקן יידן,
דער לעבעדיקער ייד שטאַרבט מיט
איעדן טאָג מיט דעם פאַרשניטענעם,
און קוילערס, צײלערס,
פיפיקע דערציילערס,
קוקן צו און ווערן מלא כעס:
„עס איז צום לאַכן — זאָגן זיי — ווי פון דעם בעסטן שפּאַס.
אנשטאָט צו זיין צופרידן
וואָס אויף דער וועלט
עס לעבן נאָך אזוי־פיל יידן

פירן זיי א חשבון פון די טויטע
וואָס מ׳האָט אויסגעהונגערט, אויסגעהרגעט,
צי גאָר לעבעדיקערהייט פארברענט.
מ׳האָט באדארפט זיי אומברענגען
ביז איינעם,
וואָלטן זיי היינט נישט געשטערט מער קיינעם!״

איך קאָן דעם זיידן גוט פארשטיין,
ווי שווער ס׳איז אים געווען
צו וויסן און צו פילן
אז אים גייט נאָך א ייד
וואָס איז א גאנצע עדה,
איך בין אים נאָר מקנה
וואָס יענער ייד געווען איז
א לעבעדיקער ייד
פון א לעבעדיקער עדה.

אויך היינט גייט נאָך א ייד,
וואָס ציט זיך נאָך פון יענער עדה,
און וויל זיך פון דער אומגעבראכטער עדה נישט צעשיידן
און זעט זיך אין א לאגע
וואָס איז ערגער ווי א פראגע:
ער קאָן נישט ענטפערן די טויטע
פארוואָס מען האָט געלאָזט זיי שטארבן
און ער פארשטייט נישט פארוואָס מערדער
קאָנען זיך נישט מוחל זיין
פארוואָס זיי האָבן אים געלאָזט גאָר לעבן.

# מיט פידל און האַרף

איך קאָן שוין נישט ציילן די נעכט און מעת-לעת׳ן
וואָס גייען מיר נאָך און פרעסן און פרעסן
אין האַרץ און אין מויך
און נעמען מיר צו מיין לעצט ביסל כוח
און הייסן אינדעסן
אַז איך זאָל געדענקען
וואָס אַנדערע האָבן פון לאַנג שוין פאַרגעסן
און טרייבן אין שלאָף מיך
אויף זאַמדיקע און בלאָטיקע וועגן,
אויף ברייטע בולוואַרן,
און שפּינען מיך איין
אין די ווילדסטע קאָשמאַרן.

אין איינעם פון אָט די קאָשמאַרן
האָט מען געטון מיך פאַרנאַרן
אין גרעסטער געפאַר פון געפאַרן:
מען האָט מיר דערלאַנגט וואָס מען דאַרף
צום שרייבן: אַ טינט, אַ פּאַפּיר, אַ א פּען וואָס איז שאַרף
און מ׳האָט מיר געהייסן אָנשרייבן
אַ שיר פאַר פידל און האַרף.
שרייב איך אָן די ערשטע שורות
הער איך אַז ס׳איז נישט דאָס וואָס מען דאַרף.
האַרף און פידל גייען איבער צו גאָר טרויעריקע אַקאָרדן
און איך טראַכט:
וו נעם איך איצט אַ נייעם גראַם צו מאָרדן?
אפשר אָרדן?
דוכט זיך מ׳האָט אים שוין באַנוצט.
פּלוצעם פיל איך ווי איך ווער באַפאַלן פון אַ גרויסער היץ
און באַלד עס הייבן אָן אַרומנעמען מיך קעלטן
און עס באַמבלען זיך אין קאָפּ בילדער פון צוויי וועלטן.
איך זע איין וועלט
אַן אויסגעהרגעטע פון אַ וועלט וואָס איז שוין אויך געשטאָרבן.
די וועלט וואָס האָט געהרגעט
האָט אָנגעהויבן אַ ניי לעבן,

די וועלט וואָס מ'האָט אויסגעהרגעט
זעצט פאָר אַלץ דאָס אַלטע לעבן.
די שאַרפֿע פעץ פֿאַרוואַנדלט זיך
אין אַ כלה־פֿינגער מיט אַ גאָלדענעם נאָגל
וואָס שרייבט בלאָ
פֿון בלאָע אויגן
די בלאָע אויגן ווערן גרין און קוקן אויף מיר שטאַר
און האַלטן מיך געפֿאַנגען אין קאָשמאַר.
דאָס ווייסע פּאַפּיר ווערט רויט,
דער כלה־פֿינגער מיטן גאָלדענעם נאָגל
ווערט אַ האַנט
וואָס הייבט אָן ברענען
און פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַש.
דאָס אַש פֿון ברענענדיקער האַנטט עס פֿאַלט אַראָפּ
און דעקט מיר צו מיט אַש דעם קאָפּ.

איך לאָז ווייטער שפּילן דעם פֿידל און די האַרף
און טראַכט אַז דאָס געשריבענע
איז אַלץ נישט וואָס מען דאַרף.

## געשיכטע

די מערדער די לעצטע,
אין גרויע מונדירן,
פון ווערמאכט דער שטאָלצער,
אנטלויפן אויף קוליעס אויף הויכע ווי שטאָלצן
און קוקן ארונטער
צום אייגענעם שאָטן,
מיט פחד, ער זאָל זיי
כאָטש איצט, אין זייער צוריקצי,
נישט ווידער פארראָטן.
צום לעצטן מאָל עס פליען נאָך איבער דער שטאָט
א לעצטן פלי
די דייטשע אוויאָנען
און וואַרפן באָמבעס פון דער הויך.
עס פליט זיי נאָך פון ברענענדיקער שטאָט
דער רויך.

צעשאָסן עס זענען די אָרעמע הײַזלעך און שענסטע געביידעס,
עס ברענען נאָך שייטערס מיט לעצטע געטריידעס,
די פּריצים עס האָבן די הייזער פארלאָזט,
אויף גאסן פון שטאָט לויפט א ווינט און צעבלאָזט
די בלעטער פון ביכער צעפּליקטע,
וואָס זענען פון אויפריים צעשליידערט געוואָרן
אין שטויב, אינעם זאמד, אויפן ברוק
און אין ווינקלען פאררוקט.

מענטשן גייען אום אין די פארלאָזטע הייזער,
אויף די פּוסטע גאסן
און יעדער נעמט דאָס וואָס ער זעט:
איינער נעמט זיך א צילינדער מיט א פראק,
איינער נעמט זיך שטיוול און געשיר,
א דריטער נעמט זיך מעבל און א וואנט זייגער,
איינער נעמט זיך בעטגעוואנט פאר א געלעגער.

מען טאַסקעט זיך איבער די גאַסן מיט די בינטן,
איינער שלעפּט אַ פּולן וואָגן
אַ צווייטער שטופּט אים נאָך פון הינטן.

געבויגן,
מיט באַברילטע אויגן,
גייט אַרום אַ ייִד אַ למדן,
נישטערט אינעם שטויב,
נישטערט אין די זאַמדן,
זוכט און קלייבט צונויף די בלעטלעך פון אַ בוך
וואָס ער האָט שוין, בלעטלעכווייז,
אַ היפּשן טייל פון אומקום אָפּגעראַטעוועט
צוניפּגעלייגט אים לויטן סדר, שיין,
און ער וויל נישט אַז דער המשך
זאָל אין ווינט פאַרלוירן גיין.

איך גיי אים נאָך,
איך בייג מיין קאָפּ
און לייען פון דעם צעפּליקטן בוך
מיט קליינע אותיות געדיכטע
און זע ס׳איז שמעון דובנאָוום יידישע געשיכטע.

## דער נישטפארגינער

עס איז געשען אין מאַנאַט מיי,
אין יענעם שיינעם מאַנאַט מיי,
ווען וועלט האָט אָפּגעאָטעמט פריי,
ווען ס'האָט דער קריג זיך אָפּגעשטעלט
און מ'האָט געזאָגט
ס'איז שלום אויף דער וועלט.
ס'איז יעדער נבהל ונשתומם,
ווער ווייסט די צאָל פון די אלמנות און יתומים...
באזינגט מען האָט די היטלער-וועלטן-צינדער,
— אויסגעמעקט זאָל זיין זייער נאָמען
קיינמאָל זאָל מען זיי דערמאָנען —
פון שטילקייט, טויב זענען געוואָרן די קאַנאָנען,
געיובלט האָבן אויף די גאסן אלטע, קינדער,
איעדער האָט געפילט
ווי ס'ווערט אין הארצן לינדער
און עפּעס א בראשיתדיקער גייסט
שוועבט אויף דער וועלט אין גאנצן
און ס'האָט דער גאנצער עולם
אָנגעהויבן טאנצן.

טאנצט די וועלט
און טאנצט מיט ברען
און מיט כל אמצי-כוח,
כאָטש פון חורבות, קאלעך-אויוונס,
שלענגלט זיך נאָך שטארקער רויך.
נאָר אין סאמע טאנץ צעפלאקערטן,
בעת אלע טאנצן אוים די פרייד פארשייט,
זעט איינער א יידן וואָס ער טאנצט נישט,
אָפּגערוקט דאָרט אין א זייט.
זעט נאָר ווי ער טאנצט נישט!
— קום און טאנץ מיט אונדז,
מען זאָגט דעם יידן,

היינט איז דאָך דער ערשטער טאָג פון פרידן,
מיר נעמען דיך אריין אין קאָן,
מען האָט געגוג געפּייניקט דיך,
בושות אָנגעטאָן,
ס'האָט דיין פאָלק גענוג געליטן
דורך די יאָרן טעג און נעכט
קום און טאַנץ מיט אונדז צוזאַמען,
האָסט שוין אויך די זעלבע רעכט.

עס שווייגט דער ייד
נאָר זיינע אויגן רעדן.

— זעט נאָר ווי ער וויל נישט טאַנצן,
ער פאַרגינט אונדז נישט די פרייד,
דער נישטפאַרגינער!
הייסט אים טאַנצן!
אויב ער טאַנצט נישט,
האָב איך נאָך א קויל אין ביקס,
איך שיס!
שלעפּט מען אים דעם יידן
ער זאָל טאַנצן
זעט מען ערשט ער האָט נישטביידע פיס.
— בין איך נישט גערעכט?
אז ער האָט קיין פיס נישט
ווי קאָן ער אונדז די פרייד פאַרגינען?
ער וועט אונדז ביי יעדן טאַנץ
אראָפּפירן פון זינען.
ווען מיר וועלן וועלן טאַנצן
וועט ער זאָגן אז ער האָט קיין פיס.
איך שיס!
זעט דער ייד די וועלט וויל גאָרנישט טאַנצן אָן אים,
הייבט ער באַלד אויף ביידע הענט
און ער שרייט דער טאַנצנדיקער וועלט אין פנים.
ס'איז דאָס קול נישט אויסגעלאָשן,
עס שרייט יידיש-מאַמע-לשון:

— האָט נישט מורא, איך װעל טאַנצן, בנאמנות,
איך װעל אײַער פֿרײד נישט שטערן,
איך װעל טאַנצן מיט אַ ליד אַזאַ
אַז די גאַנצע װעלט זאָל הערן.
ס׳איז דאָס ליד אַ ײדיש ליד
װאָס איז טײַער און הײליק
איך װעל טאַנצן מיט דעם ליד
פֿון באַרדיטשעװער זעליק.

גאַפֿט דער עולם,
דער שיסער האַלט די ביקס אין האַנט נאָך
װי אַ גולם,
אַלע זענען מױל און אױערן,
מען קוקט פֿון אַלע אױסגעזעצטע פֿענצטער,
מען קריכט אַרױף אױף די פֿאַרבאַרעגנטע טױערן,
אַלע אױגן קוקן, גלאַנצן,
װי דער ייִד הײבט אָן צו זינגען
װי ער הײבט אָן טאַנצן:

כאָטש איך האָב קײן פֿיס נישט,
קײן אבר נישט קײן גאַנצן,
װעל איך זיך אַמאָל נאָך
האַסטיק, װילד, צעטאַנצן.

אָט טאַנץ איך!

# נ

# פונקען
# איבער
# דורות

## אָרדענונג

חברים, א מענטש דאַרף זיך אָרגאַניזירן דאָס לעבן!
אָט, למשל, איך:
אין דער פרי כאַפּ איך זיך אויף פון שלאָף ליגנדיק.
שעם איך זיך צו לעבן אין אזא צושטאַנד
און איך גלייך זיך אויס און איך טו זיך אָן
און איך גרייט זיך צו און איך גיי צו דער אַרבעט.
ביי דער אַרבעט, זע איך וואָס איך האָב צו טון און טו
און וואָס אַנדערע האָבן צו טון און טוען נישט.
חוץ דעם זע איך: א שטיקל דאַך, א שטיקל קאַץ,
א שטיקל קוימען, א שטיקל הימל (ווען ס'איז שיין),
א שטיקל כמאַרע (ווען ס'איז פאַרכמאַרעט).
און די גאַנצע צייט הער איך ווי מענטשן רעדן.
די גאַנצע וועלט רעדט.
מען רעדט צו מיר און איך רעד צו יענעם.
צווישן די רייד כאַפּן זיך אַריין אויך רייד פון ליבע.
זייער אסך רעדט מען וועגן טויט.
מען רעדט וועגן טויט און מען לעבט ווייטער.
דערנאָך טו איך וואָס דאָס לעבן פאַרלאַנגט.
דערפון האָב איך פּרנסה.
איך פאַרדין געלט און איך גיב עס אויס.
איך הער מוזיק, איך לייען א ליד, איך האָב א מיינונג,
איך בלייב מיט דער מיינונג,
איך בין מסכים מיט מיר, איך קריג זיך מיט מיר,
איך עס, איך טרינק, איך ווער מיד,
און איך לייג זיך שלאָפן.
און איך שעם זיך צו לעבן אין אזא צושטאַנד
ליגנדיק טראַכט איך:
וויפל זאַכן
איין מענטש קאָן טון אין איין טאָג!
און מיכעל-אַנדזשעלאָ האָט געלעבט 89 יאָר
און האָט נישט פאַרענדיקט זיין ווערק.

## זיג

דאָס קינד האָט געוואָלט ווערן א דיכטער.

דער טאטע האָט ליב געהאט לידער
און די לידער פון זיין קינד האָבן אים זייער געפעלן.
ער איז אפילו געווען איבערצייגט
אז ווען דאָס קינד וועט עלטער ווערן
וועט עס פארנעמען דעם פּלאץ
פונעם בעסטן און עלטסטן דיכטער פון לאנד.
ער איז אָבער געווען ביי דער מיינונג
אז פון שרייבן לידער קאָן מען נישט האָבן קיין פּרנסה
און ער האָט געצוואונגען זיין קינד
צו לערנען זיך אויף דאָקטער.

דאָס קינד האָט געוואָלט ווערן א דיכטער.

די מאמע האָט ליב געהאט פּאָעזיע
און איז געווען א גרויסער בעלן אויף מוזיק
נאָר ז'האָט געוואָלט איר קינד זאָל האָבן
א זיכערע פּרנסה, מיט כבוד און מיט געלט
און האָט דאָס קינד געצוואונגען
צו לערנען זיך אויף דאָקטער.

דאָס קינד האָט געוואָלט ווערן א דיכטער,

נאָר ס'האָט געמוזט אָנהייבן לערנען מעדיצין.
לויטן ווונטש פונעם טאטן,
לויטן ווונטש פון דער מאמען,
געשטעלט זיך צום עקזאמען
און אריין אין פאקולטעט מיט גרויס דערפאָלג.

אין דעם זעלבן טאָג
האָבן אלע
געפייערט
דעם זיג פון א באזיגטן.

## בערל דער מגיד

„ווען בערל מגיד האָט גערעדט
איז געווען צום וויינען און צום לאַכן,
ווייל ער האָט נישט דערציילט אַ מעשה סתם
ער האָט גערעדט פון אמתע זאַכן".
דאָס איז געווען דער שבח
וואָס מ'האָט אים נאָכגעזאָגט אויף זיין לוויה.
געלאָזט האָט ער נאָך זיך אַ גוטן שם
און נאָכדערציילער פיל, געטריי.
איינע פון די דרשות זיינע
וויל איך דאָ פאַרשרייבן
זאָל זי שוואַרץ אויף ווייס ביי אונדז
נאָך אַ צייט פאַרבלייבן.

רבותי,
איך וויל אייך זאָגן
אַז אין דער תורה שטייט אַסך געשריבן,
נאָר פון דעם אַלעמען וואָס דאָרטן שטייט
איז פאַר דעם דור דעם היינטיקן
גאָרנישט נישט פאַרבליבן.
ווען משה רבינו שטייט אויף און זעט
וואָס פון זיין תורה איז געוואָרן
ווער ווייסט וואָס ער וואָלט געזאָגט אין צאָרן...
די איינציקע טרייסט איז,
איך מיין אַז איר ווייסט עס,
אַז דאָס איז געשען
נישט נאָר מיט אונדזער תורה אַליין,
נאָר מיט אַלע תורה'ס פון דער וועלט
און דערפאַר שפּאַרט אַרויס פון מענטשן אַזאַ קעלט.

ע!
איז וואָס זאָל איך אייך זאָגן?

גלייבט מיר, בנאמנות,
ווי איך בין א ייד,
רבותי,
אז ס'איז דאָ אסך צו זאָגן
און אז מען טוט א טראכט
וואָלט מען באדארפט זאָגן,
און מען וואָלט געקענט זאָגן
נאָר מען קאָן נישט זאָגן.
איז וואָס זשע זאָל איך אייך זאָגן ?

ע!
איך וועל אייך געבן צו פארשטיין,
מיט א משל, וואָס איך מיין:
מען דערציילט פון דעם בעל שם,
אז ווער נאָר ס'איז געווען אין קלעם,
האָט ביי אים געטראָפן הילף,
ווייל דער מענטש — פלעגט ער זאָגן —
איז א דענקענדיקער שילף
וואָס איז ביינעוודיק לויט ווי סע בלאָזט דער ווינט,
און די כוחות זיינע זענען שרעקלעך אָרעם
ווען עס בושעוועט א שטורעם.
פאר זיין טיפער חכמה און זיין גוטן וואָרט
האָט מען דעם בעל שם באנעגנט
מיט דער גרעסטער ליבשאפט
אין איעדן אָרט.
אי קבצנים, אי גבירים,
אלטע לייט און קליינע קינדער,
האָבן שטענדיק ביי די ארייננפאָר-וועגן
ממש אים געטאנצט אקעגן.
קינד און קייט
פלעגט קומען מיט פרייד
דעם בעל-שם באגעגענען
און גרויס געווען דער צער איז
ווען ס'איז דער טאָג געקומען
פון דארפן זיך געזעגענען.
טרעפט זיך אז, א מאָל,

ס'איז דער בעל שם געווען שוין גרייט
א שטעטל צו פארלאָזן,
קומט א יידענע צו לויפן
וויינט און קלאָגט און לאָזט אים נישט אוועקגיין:
— הייליקער צדיק,
קודם גאָט און נאָכדעם איר
מוזט איר קומען מיר צו הילף
איך בין געבליבן אן אלמנה
מיט פינף קינדערלעך וואָס מאָנען
עסן און הלבשה
און איך אליין בין קראנק
און בעטלען איז א בושה
דער קאָפּ ווערט מיר צעשיט פון זאָרגן
עס וואקסט דער דלות'אין מיין היים
פון היינט אויף מאָרגן
וואָס א טאָג עס גייט אוועק
מיר ווערן שוואכער און מיר דארבן
אויב איר העלפט אונדז נישט ארויס
וועלן מיר אין גיכן שטארבן.
— מיט וואָס וואָלסטו געקאָנט דיין
ברויט פארדינען?
קענסטו א מלאכה?
— ניין.
— וואָלסט געשטעלט זיך פאר א דינסט?
— און די קינדער, רבי?
— פירזאָגן די תפילות פאר די ווייבער?
— מען האָט מיך נישט געלערנט, רבי.
— מודה אני קאָנסטו זאָגן?
— יאָ, איך זאָג איעדן אין דער פרי.
— הער זיך צו:
איך בענטש דיך מיט א ברכה
וואָס וועט ברענגען דיר הצלחה.
אויב א קינד וועט קראנק ווערן אין שטעטל
צי אן אלטער מענטש
א מאן, א פרוי,
זאָלסטו צוגיין צו דעם קראנקנס בעט
מיט דער האנט זיין שטערן טון א גלעט

שעפּטשען שטיל דעם מודה אני
און דערנאָך אים געבן אַלס רפואה
א שטיקל צוקער איינגעטונקט אין קאַלטן וואסער.
די קרענק פארשווינדן וועט ווי נישט געוועזן
און ס'וועט דער קראנקער זיין געזונט,
באַצאָלן וועט מען דיר פאר דיין באמיען,
וועסט דיינע קינדער נערן און דערציען,
קיין געלט זאָלסטו נישט מאָנען,
זאָלסט קיין מאָל נישט דעם קראנקן
פון דיין הילף דערמאָנען,
זאָלסט זאָגן מודה אני מיט התמדה
פאר איעדן קראנקן גלייך
צי ער איז אָרעם צי ער איז רייך.

ס'אוועקגעפאָרן דער בעל-שם
דאָס שטעטל האָט באַגלייט אים מיט געזאנגען
און אין א קורצער צייט
איז זיך א קלאַנג צעגאנגען
אַז ס'קאָן די יידענע אויסהיילן קראנקע.
מען האָט גערופן זי צו קינד און קייט
באַשאָנקען זי מיט געלט און מיט געשאנקען
און ס'האָט איר רום צעוואקסן זיך
אויסער דעם שטעטל אין דער גאנצער געגנט.
נאָר פון איר האָט מען גערעדט
וועמען מ'האָט באגעגנט.

ס'אוועק א צייט
און דער בעל-שם געקומען ווידער איז אין שטעטל.
געקומען איז ער אויף דעם זעלבן וועג,
נאָר ס'איז קיינער נישט געקומען אים באַגעגענען.
פרעגט זיך דער בעל-שם:
ווו איז דער קבלת פנים פון א מאָל
ווו זענען די יידן אָן א צאָל,
וואָס געווארט האָבן מיט אומגעדולד
איעדעם מאָל ווען איך פלעג קומען,
ווו איז דאָס אַלץ אהינגעקומען ?

לאָזט זיך דער בעל-שם אזוי צופוס
אַראָפּ אין שטעטל, פאמעלעך און געלאַסן,

גייט און קוקט זיך אָן די גאַסן,
יידן גייען אים פאַרביי און זאָגן אים
גוט מאָרגן — ווי מען זאָגט א יידן סתם,
ער ענטפערט א גוט יאָר
און הייבט נישט אָן פאַרשטיין
וואָס דאָ קומט פאָר. ענדלעך שטעלט ער אָפּ א יידן,
א חסיד זיינעם א פאַרברענטן,
און פרעגט אים גלאַט צי ער דערקענט אים.
— געוויס דערקען איך אייך, ווי דען,
איר זענט דער בעל-שם.
— מען האָט געוווסט אין שטעטל אז איך קום אהער ?
— יאָ, ס'האָט אונדז געבראַכט די בשורה חיים-בער.
— פאַרוואָס זשע איז דער עולם
נישט געקומען מיך באַגעגענען ?
צעשמייכלט זיך דאָס פּנים ביי דעם יידן
אונטער זיין חסידישן קאַשקעטל
— מיר האָבן דאָך שוין
א בעל-שם-קע אין שטעטל !
דער בעל-שם האָט אויף איין רגע זיך פאַרטראַכט
און מיט פאַרטרערטע אויגן זיך צעלאַכט.
נאָר פון דעם לאַכן,
האַלב אין טרויער, האַלב פאַרשייט,
פאַרקרומט האָט זיך דאָס מויל פונעם בעל-שם
און קרום געבליבן אויף איין זייט.
דער חסיד האָט זיך שטאַרק דערשראָקן,
דערשראָקן האָט זיך דער בעל-שם,
באַלד איז דאָס שטעטל אָנגעלאָפן
ווייבער, קינדער, אַלטע לייט,
קוקן טרויעריק אויף דעם בעל-שם'ס יסורים
ווי ער שטייט אין גאַס
צו יעדנס שפּאַס
אין אנגסט און גרויל
מיט א קרום מויל...

— וואָס שטייט מען און מען קוקט,
האָט זיך א קול אַרויסגערוקט,
זאָל מען רופן די בעל-שם-קע !

— זאָל מען רופן די בעל-שם-קע!
— זאָל מען רופן די בעל-שם-קע!
— זאָל מען רופן די בעל-שם-קע!
האָבן אַלע אָנגעהויבן צו שרייען
— זאָל זי אים געבן פון איר צוקער קייען!

מען האָט די יידענע געבראַכט צו פירן
זי האָט מיט התמדה אָפּגעזאָגט דעם מודה אני אירן
געגעבן דעם בעל-שם דאָס שטיקל צוקער
איינגעטונקען אינעם קאַלטן וואַסער...
ווי נאָר דער צוקער זיך צעגאַנגען איז
אונטער דעם בעל-שם׳ס צונג
האָט באַלד דערפילט ער
ווי עס ווערט אים לייכט
און ס׳האָט זיין מויל זיך
אויסגעגלייכט...

ווען משה רבינו שטייט אויף
וואָלט ער זיך אפשר אויך צעלאַכט
נאָר...
די איינציקע טרייסט איז
איך מיין אז איר ווייסט עס
אז דאָס איז געשען
נישט נאָר מיט אונדזער תורה אליין
נאָר מיט אַלע תורה׳ס פון דער וועלט
און דערפאַר שפּאַרט ארוים פון מענטשן אזא קעלט.

גלייבט מיר, בנאמנות,
ווי איך בין א ייד,
רבותי,
אז ס׳איז דאָ אסך צו זאָגן
און אז מען טוט א טראַכט,
וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן,
און מען וואָלט געקענט זאָגן,
נאָר מען קאָן נישט זאָגן.
איז וואָס זשע זאָל איך אייך זאָגן?
ע!

## אָפּענער בריוו

צום רויטן קרייץ,
צו דער רויטער האַלבער לבנה,
צום רויטן מגן דוד.

היות ביי אייך זענען פאַרשריבן
אַלע בלוט־שפּענדער
פון גאָר דער וועלט,
פון אַלע לענדער,
בלוט־שפּענדער וואָס זיי אַליין זיך מעלדן,
מיט זייער בלוט
צו פאַרלענגערן דאָס לעבן
פון וועלט־באַרימטע העלדן,
אָדער פון מענטשן פּשוטע
— דאָס הייסט פון נאָך גרעסערע העלדן —
בעט איך אייך איר זאָלט פאַרשרייבן,
אין ספר הזכרון זאָל פאַרבלייבן,
דאָס בלוט וואָס ס'האָבן אין פאַרלויף פון יאָרן
געשפּענדעט אין דער גאַרער וועלט אַקטיאָרן,
איעדן טאָג און יעדע נאַכט,
צו ראַטעווען און צו פאַרלענגערן דאָס לעבן
פון אַן א צאָל באַליבטע העלדן
און זיי פאַרקערפּערט
מיט זייער קערפּער
און זיי באַלעבט
מיט זייער לעבן
און זיי געמאַכט אָטעמען
מיט זייער אָטעם
כדי צו לערנען אַלע מאָל,
אין יעדן דור א נייעם דור,
וויאַזוי צו לעבן,
וויאַזוי צו ליבן,

וויאזוי צו קעמפן,
וויאזוי צו געבן,
וויאזוי צו פאָדערן.

געשפּענדעט בלוט
פון זייערע אָדערן.

היות ביי איך זענען פאַרשריבן
אַלע בלוט-שפּענדער
פון גאָר דער וועלט,
פון אַלע לענדער,
בעט איך אייך מיט גרויס דרך-ארץ צו פאַרשרייבן
די היינטיקע אַקטיאָרן
וואָס שפּענדן זייער בלוט
צו דערהאַלטן ביים לעבן
נישט נאָר די אָן א צאָל באַליבטע העלדן אויף דער בינע
נאָר זיי אַדאַנק
עס רוט אויך אויף די שאַפער פון די העלדן
נאָך א שטיקל צייט די שכינה.

איך בעט אייך מיט דרך-ארץ צו פאַרשרייבן,
אין ספר הזכרון זאָל פאַרבלייבן,
די היינטיקע און שפּעטערדיקע דורות זאָלן וויסן,
אַז דאָס איז פאַר אַקטיאָרן עכטע
א פראַגע פון געוויסן:
אַז מענטשן זאָלן רעכט געניסן
פון שיינקייט און פון אמת
נישט נאָר די דינע שאָלעכץ
נאָר טאַקע אויך די יאָדערן,
שפּענדן זיי איעדן טאָג און יעדן אָוונט
דאָס בלוט פון זייערע אָדערן.

# דער קאָוועל הקדוש

דער קאָוועל שטייט מיר פאַר די אויגן
אין אַ ווייסן קיטל,
אַ לייכטנדיקער ייד,
וואָס האָט אַליין דערוואָרבן זיך דעם טיטל.

מיט יאָרן לאַנג צוריק
עס האָבן יידן צוויי געלעבט אין שכנות
און איך קאָן שווערן אַז נישט איינער האָט פון זיי
געטראַכט צו בלייבן פאַר די קומענדיקע דורות
אַ ביישפּיל און אַ רמז.

איינער איז געווען פון פאַך אַ קאָוועל
וואָס האָט אין יעדן פונק
וואָס האָט געשפּריצט פון גליענדיקן אייזן,
נאָך יעדן קלאַפּ פון שמיד מיט שווערן האַמער,
געזען אַ ווונק
וואָס וויל דער גאַנצער וועלט באַווייזן
אַז „דער מענטש איז שטאַרקער פון אייזן".

דעם צווייטן האָט געצויגן צו דעם פונק פון תורה,
וואָס גליט און שיינט אין יעדן אות,
ווען מען דערגייט דעם מיין וואָס ליגט באַהאַלטן
אין איינעם אַ פּסוק
פון אַ ספר אַן אַלטן,
וואָס וויפל די וועלט
זאָל זיך האַלטן אין בייטן
גילטיק ער בלייבט,
איבער דורות און צייטן.
גאָר גרויס איז געוואָרן נאָך יאָרן דער לערנער
אין גאָר ווייטע שטעט און אין גאָר ווייטע לענדער,

זיין רום איז געוואקסן, נאָר אויך זיין עניוות,
א סימן מיר האָבן אז ער האָט אינדעסן
זיין שכן געדענקט, אָן אים נישט פארגעסן.
געוואָלט האָט דער גדול
פאר דורות זאָל בלייבן
א משל פון לעבן,
מען זאָל עס פארשרייבן,
דערפאר פלעגט ער זאָגן
די וועלט זאָל עס וויסן
ווער ס׳האָט דערפירט אים
צו רום און צו וויסן:

מיין גרויסקייט מיין גאנצע
איך האָב צו פארדאנקען
דעם קאָוועל פון אפט,
מיין ליכטיקן שכן,
וואָס נאָר אים א דאנק
כ׳האָב די צייט נישט פארשלאָפן.
פון לערנען א מידער,
ווען כ׳האָב געוואָלט שלאָפן,
געזען כ׳האָב דער קאָוועל
נאָך קלאפט מיט דעם האמער
און שמידט נאָך דאָס אייזן.
האָב איך זיך געטראכט:
איך זאָל נאָר נישט גרייזן
דער קאָוועל ער ארבעט
פאר חיי שעה בלויז
און ארבעט מיט פלייס
און גייט נאָך נישט שלאָפן ?
איז ווי זשע קאָן איך
שוין אויפהערן לערנען
און לייגן זיך שלאָפן ?
וועל איך דאן נאָך קאָנען
אויף עולם הבא האָפן ?

אויף דעם קאָוועל קוקנדיק
האָב איך דאָס לערנען נישט איבערגעריסן
און אזוי, מיט דער צייט, ס׳האָט פארמערט זיך מיין וויסן.

דער קאָוועל האָט געהערט
ווי איך זיץ און לערן
האָט ער אויך בײַ זיך געטראַכט:
„דער יונגערמאַן זיצט נאָך און ער לערנט,
א סימן ס'איז נאָך פרי.
דאַרף מען לאָזן ס'פײַער ברענען
ווײַטער קלאַפּן מיטן האַמער
ווי איך קאָן און ווײס
מאַכן ווײך דאָס האַרטע אײַזן
אַזוי לאַנג ס'איז הײס".

ער האָט געאַרבעט
און איך האָב געלערנט.
ביז נאָך האַלבער נאַכט
געשפּריצט האָבן פונקען,
פונקען פון פײַער
מיט פונקען פון לערנען
האָבן פון בײדע זיך איבערגעוווּנקען.

איך כאַפּ נאָר א דרימל
און ס'וועקט מיך באַלד אויף
דער האַמער פון קאָוועל.
ס'איז נאָך נישט פרימאָרגן,
דער קאָוועל, ער שטײט שוין בײַם פײַער
און קלאַפּט מיטן האַמער
און שיקט זײַנע פונקען צום הימל אַרויף.
אַז דער קאָוועל איז וואַך
מעג איך נאָך שלאָפן?
מען וואָלט דאָך דערפאַר
געמעגט מיך באַשטראָפן.
עפן איך ווידער דאָס ספר דאָס אַלטע
פאַרטיף זיך אין לערנען
ווי ווײט נאָר איך קען
און לערן און לערן
מיט פלײס און מיט ברען.

ער האָט געאַרבעט
און איך האָב געלערנט.

פונקען פון פייער
און פונקען פון תורה
זיך פייערלעך ווינקען
אין טעג און אין נעכט
דורך יאָרן און יאָרן,
דעם קאָוועל א דאנק,
בין איך — ווי מען זאָגט —
דער ייד הקדוש געוואָרן.

און דער קאָוועל?
דער קאָוועל הקדוש שטייט מיר פאר די אויגן
א לייכטנדיקער ייד
אין א ווייסן קיטל
וואָס פארדינט
— פאָסט מאָרטעם —
דעם הייליקן טיטל.

# כלל

דער יחיד וואָס נעמט זיך אַליין פאַר אַ ציל
צו דינען דעם כּלל און ער וויל
און איז גרייט צו גיין אויף דעם וועג דעם געפּאַרפּולן, האַרטן,
דאַרף וויסן ער האָט נישט קיין לוין צו דערוואַרטן,
פאַר אַלץ וואָס ער טוט פאַר דעם כּלל, אומגעבעטן,
און ס׳קאָן אַ מאָל זיין, אַנשטאָט לוין פאַר זיין מי,
מען זאָל אין זיין פּנים אים שפּייען,
מען זאָל מיט די פיס אויף אים טרעטן,
אַז פריינד זאָלן ווערן אים פיינד, אָן חרטה,
און זאָל אים מאַכן איינס מיט דער בלאָטע.

דער יחיד וואָס נעמט זיך אַליין פאַר אַ ציל
צו דינען דעם כּלל מיט זיין לעבן,
דאַרף וויסן עס קאָן אים באַשערט זיין צו מאָל
ער זאָל אין אַ טאָג אויך דערלעבן,
נאָך יאָרן פון אָפּפער און פיינען אָן צאָל,
פון ליידן פאַר יעדן פון כּלל אָן אַ שיעור,
צו זען ווי איין פעלער נאָר זיינער
זאָל ווערן באַטראַכט אַלס פאַרפיר
אַז ווערן זאָל אָפּגעמעקט גיך און פאַרגעסן
דאָס אַלץ וואָס געטון ער האָט פריער.

און דאָך עס געפינען זיך טעגלעך יחידים
וואָס נעמען זיך אַלץ פאַר אַ ציל
צו דינען דעם כּלל, אומגעבעטן,
און וויסן עס קאָן זיין מען זאָל אויף זיי שפּייען און טרעטן,
ווייל צייט פירט אַ חשבון
אָן אייגענעם אירן
און ווייסט אַז אַ כּלל קאָן זיך לאָזן פאַרפירן,
אויך היינט פונקט ווי נעכטן,
און זי נאָר באַלוינט די טאַט פון גערעכטן.

כ׳האָב נישט פון די ביכער דערוווסט זיך דעם כּלל
און נישט נאָר איך האָב איצט פאַרפאַסט אַזאַ ליד אים
עס ווייסט דאָס גאַנץ גוט יעדער יחיד פון כּלל
עס באַשטייט דאָך דער כּלל פון יחידים.

## דעם מענטשן א באלאדע

איך וואָלט געוואָלט אין דער באלאדע
אַנזאמלען פון אלע צייטן אלע ווערטער,
אלע קלאנגען,
ביז צו דעם שטילסטן קלאנג וואָס איז צו אונדז דערגאנגען,
אז אויב אפילו א קינד א ליאדע
וועט א מאָל הערן די באלאדע
זאָל עס פון איר ארויסהערן
דעם קרעכץ פון אלע צרות
דעם לאך פון אלע פריידן
דעם וויי פון אלע פיינען
דעם שאל פון אלע זיגן וואָס זיין זיין באשיינען.

אין נוסח פון א ווייטער, ווייטער צייט,
ווי א מאָל די טרובאדורן,
פאר זייערע געזאנג-ארויספאָרן,
פלעגן שורות עטלעכע, אין אָנהויב,
זאָגן ווי א תפילה,
פונקט אזוי הייב איך אָן מיט א געבעט
אז די ווערטער פון מיין שפראך
זאָלן רעדן צו דער זאך,
יעדעם וואָרט זאָל קלינגען לויטער
ווי דער אמת גרויסער, ריינער,
ווען ס'האָט נישט צוגעפראוועט קיינער,
קיין שום אפטייקער
מיט א טראָפּן שקר.

איעדער מענטש אויף אָט דער ערד
ווי ער ווערט נאָר געבוירן
צי ווייסט ער דען וואָס אויף אים ווארט
דערווארט אים פרייד ?
דערווארט אים גליק ?
וועט ער זיין לעבן בענטשן, צי באדויערן ?

די ערשטע צייט ער וויינט און לאכט
און ווייסט נישט דעם חילוק פון טאָג ביז נאכט.
א קלינגענדיק גלעקל
איז ביי אים אן אנטיק,
א בערעלע פון צוקער איז דאָס גרעסטע גליק.
שפּעטער, ווען ער פּרוווט פארשטיין דעם לעבנס וועגן,
זעט ער ווי איעדער טראַכט פאר זיך, פון זיינעטוועגן.
פלאנצט ער פאר זיין טיר א רויז
קומט א צווייטער באלד און רייסט זי אויס.
מיינט ער אז אזוי איז שוין דאָס לעבן
אויף דער וועלט געגעבן.
שווער עס וואקסן רויזן
אין דעם וועלט-גאָרטן מיט זיינע בייטן
אָפּט עס נעמט צו איינער
וואָס סע קומט א צווייטן.
פאר אייניקע איז דאָס לעבן מיט זונען-שיין באהעלט
פאר אנדערע עס ווייעט מיט ווינטן און מיט קעלט.

אין ווערטער פּשוטע
וויל די באלאדע בענטשן
דעם מענטש וואָס נעמט זיך פיר
צו דינען נאָר דעם מענטשן

פאר דעם וואָס נעמט זיך אָן פאר דעם באַעוולטן
דערהויבענעם פון שטויב
וויל די באלאדע זיין א לויב.

א לויב דעם מענטשן און זיין טאט
ווייל גרוים זי איז
זי שרייבט אריין אין לעבנס-בוך
דעם נאָמען מענטש
מיט גרויסע אותיות.

א לויב דעם מענטשן
דעם וואָס האָט צום ערשטן מאָל געזאָגט דעם מענטשן:
ביסט א מענטש!

דו ביסט דיין אייגענער באַלבאָס
און אויך באַלבאָס אויף גאָר דער וועלט
פון קאַנט צו קאַנט,
און דאַרפסט פאַר קיין שום מענטשן
נישט מער שטיין געבויגן
מיטן היטל אין דער האַנט.
גלייך דעם רוקן!
שטאַרק דעם נאַקן!
וויס דיין ווערט
דו ביסט דאָס העכסטע וועזן אויף דער ערד!
א לויב דעם מענטשן
וואָס צום ערשטן מאָל געזאָגט דעם מענטשן האָט
ביסט א מענטש!

זיין גליק דערקענען איז דעם מענטשן שווער,
ער ווערט געשטרויכלט
אויף איעדן ווענד און קער.
דער ליגן קומט צו מאָל מיט בלומען
אים אַנטקעגן
און שווער איז אויסצופלאָנטערן זיך
אויף אַלע פון גאָטס וועגן.
ער זוכט דאָס גליק צווישן רעגנבויגן-פאַרבן
און אָפט ער טרעפט עס נישט,
אפילו ביז צום שטאַרבן.
צי ווייסט דער מענטש די פאַרב פון גליק?
דאָס גליק איז בלוי?
דאָס גליק איז גרוי?
דאָס גליק איז רויט,
צי גרין, צי געל, צי ווייס,
צי שוואַרץ?
פון וואַנען ווייסט די פאַרב פון גליק דאָס האַרץ?

פון בלינדע גליקן זינגען פייגל
אויף די אַלטע קאַטערינקעס
נאָר דאָס גליק צו גרייכן
גאָרנישט גרינג איז.
א לויב דעם מענטשן וואָס פאַרשטאַנען האָט

ער דאַרף דעם מענטשן געבן צו פאַרשטיין
אַז בויען זיך זיין גליק
קאָן נאָר דער מענטש אַליין.
א לויב די מענטשן
פון די דורות אָן א שיעור פאַרגאַנגענע
וואָס האָבן יעדער איינער אין זיין דור
פאַרמערט דאָס ליכט
געלערנט מענטשן לייענען
און אויסגעלערנט זיי
אַז יעדעס וואָרט קאָן האָבן מערער מיינען.
א לויב דעם מענטשן
וואָס נאָך אמת בענקט א לעבנלאַנג.
וואָס שלייפט אָן אויפהער זיין געדאַנק,
גריבלט זיך אין אַלטע ספרים
און אין ביכער
און וויל דערגיין צו יענעם אמת
וואָס ער זיין זאָל אין אים זיכער
אַז ער וועט דעם ליגן טרייבן
ס'זאָל קיין סימן פון אים בלייבן.

א לויב דעם מענטשן וואָס אין יעדן דור
דעם מענטשן לערנט אַז נאָר ער, דער מענטש,
באַזיגן קאָן דעם ליגן
באַזיגן אים אין גאַנצן
און נאָר דער מענטש
קאָן אויף דער וועלט דעם אמת פלאַנצן.
א לויב דעם מענטשן,
דעם וואָס נערט און כאַוועט אויס דעם אמת
און מיטן אמת ער דערנענטערט מענטש מיט מענטש
און פאָלק מיט פאָלק.
א לויב פאַר זיין עקשנות און זיין גלויבן!
א לויב דער גוטער און געטרייער מאַמען
וואָס לערנט אויס איר קינד צו זיין א מאמין
אין אמת, אין מענטשן, אין ליבע, אין פריינד,
און לערנט אים פאַרבינדן
דעם עבר מיטן היינט

און לערנט אים די שפראך פון שלום
און מיט עקשנות צו פארוואנדלען אין א וואר א חלום.

א לויב דעם מענטשן
וואס דעם גורל האלט אין זיינע הענט
און ווייסט אז אלץ איז נאר אין אים געווענדט.
א לויב דעם מענטשן וואס לעבט מיט דעם גלויבן
אז אלעם געווענדט איז אין מענטשן
אז לענדער און פעלקער באשטייען פון מענטשן
און מענטש איז דעם מענטשן א ברודער
און נישט א מין וואלף
וואס פרעסט אויף זיין גלייכן,
אז מענטש איז די קרוין פון דער וועלט
און לאזט זיך מיט גארנישט פארגלייכן.

א לויב דעם מענטשן
וואס גלויבט אז נאר די וועלט
וועט קאנען מיט דער וועלט זיך פרייען
און אז דער פלי פון מענטש
צו העכסטע הייכן,
דאס טעלערל פון הימל צו דערגרייכן,
וועט נאך מער צובינדן דעם מענטשן
צו אונדזער מאמע — ערד,
וואס האט מיט אונדזער בלוט און שוויים
אזויפיל דורות אונדז גענערט
און האלט אין זיך באהאלטן
אונדזערע אבות
טאטעס, מאמעס, זיידעס
און ווען מענם גרעסט גליק און גרעסטע פרייד איז
ווען אויף איר פנים וויגן זיך די רייפע זאנגען
און די בונטע בלומען
אין דער זון
און אלע לידער און געזאנגען
זינגען איר דערפון.

א לויב דעם מענטשן וואָס דעם כוח האָט
צו זאָגן בקול רם:
איך האָב געגרייזט!
און מיט זיין וואָרט און טאַט
אויסצובעסערן די גרייזן ער באַווייזט.
א לויב דעם מענטשן
וואָס דער וועלט ער טוט צוּווּיסן
ווען אים מאַטערט זיין געוויסן
און פאַר אַלע ער דערקלערט:
אין קלעם פון צייט
אין סאַמע ברען פון וועלן אונדזער אַלטע וועלט באַנייען
זי אויספּוצן פון שימל און פון זשאַווער
אָן עוולה איך בין באַגאַנגען קעגן בעסטן חבר,
געפּסלט אמת-ווערטן און געגרויסט פאַלשע נביאים
און נישט געגלייבט כ'האָב דעם געטראָפּענעם
ווען ער געזאָגט האָט אַז אַן עוולה איך טו אים.
א לויב דעם מענטשן וואָס פאַרשטייט אַזוי איז רעכט
צו זאָגן דעם א מאָל באַוואָלטן, גערעכטן, ביסט גערעכט.

א לויב פאַר אַלע דורות קעמפער
וואָס האָבן מיט זייער בלוט און לעבן
באַצאָלט פאַר אונדזער היינטיק לעבן און נישט פאַרגעסן
אַז דאָס רעכט פון פעלקער איז צו לעבן פריי, פאַרשידן,
און אַז מיט פעלקער-גלייך
עס דאַרפן לעבן ווי א פאָלק אויך יידן.

א לויב דעם מענטשן פון איעדן קאַנט
וואָס פלאַנצט די האָפענונג אין אַלע מענטשן פון זיין לאַנד
אַז איבער שׂינאה און קריגס-גערידער וועט פאָלק צו פאָלק
רעדן ווי עס רעדן צו זיך ברידער
און אַז די ליבע-ווערטער וועלן אין א טאָג פאַרשרייען
די ווערטער וואָס געדינט האָבן פאַר קריגערייען
און אין אַלע שפּראַכן וועלן מענטשן איינער דעם אַנדערן זיך בענטשן
מיט
א לויב דעם מענטשן!
א לויב דעם מענטשן!
א לויב דעם מענטשן!

## ערשטע ווערטער

די ערשטע ווערטער וואָס מיין מאמע האָט צו מיר גערעדט
ווען זי האָט אויף די הענט גענומען מיך
און מיך צום ערשטן מאָל דערנענטערט צו איר ברוסט
זענען געווען יידישע ווערטער.
זעקס און פופציק יאָר האָט מיין מאמע גערעדט צו מיר יידיש,
און איך וויים און גערענק כמעט אַלץ
וואָס זי האָט מיר געזאָגט און אָנגעזאָגט,
נאָר וואָס זי האָט מיר געזאָגט מיט יענע ערשטע ווערטער
ווען זי האָט מיך צום ערשטן מאָל דערנענטערט צו איר ברוסט,
האָב איך אַ לעבן-לאַנג זיך נישט דערוווּסט.

נישט איין מאָל כ'האָב מיין מאמען אַלץ געפרעגט
נאָר זי האָט דעם ענטפער אַלע מאָל אַלץ אָפּגעלייגט.

געקומען איז די שעה מיט יענע אומבאַשטימטע פאַרבן...
די מאמע האָט געוווּסט זי וועט אינגיכן שטאַרבן.
זי האָט געוווּסט דער טאַטע וואַרט אויף איר
שוין מער ווי יאָרן צען דאָרט אין גן-עדן
און ס'איז שוין צייט זיי זאָלן רוען דאָרטן ביידן.
זי האָט זיך מיט דעם טויט גאָרנישט געראַנגלט
און נאָך דעם לעבן נישט געבענקט
און אַלץ וואָס ז'האָט באַדאַרפט גערענקען
האָט זי מיט פּינקטלעכקייט געדענקט:

— דאָרט ליגט די לייוונט פאַר תכריכים
און אויך דאָס קניפּל מיטן געלט
צו צאָלן פאַרן שטיקל פּלאַץ.
אָט דאָ, צוקאָפּנס, שטייען דאָך פון תמיד אָן די מעשענע לייכטער

און דאָרטן זענען אָנגעגרייט די ליכט
און...
העל עס ווערן איר די אויגן אין געזיכט...
זי קוקט צו מיר ווי כ'האָב זי קיינמאָל נישט געזען נאָך אזוי קוקן...
מיט וויפל איך בין אלט איר בליק ווערט יינגער...
די מאמע פרעגט מיך:
— וואָס קאָן איך טון ס'זאָל דיר זיין גרינגער?
*ששש... שמע...*

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָס זענען געווען צו מיר מיין מאמעס לעצטע ווערטער
און די ערשטע ווערטער...

כז טבת — תשל"ח

לעקטאָר: שלום רובינגער
טעכנישער רעדאקטאָר: שטעפאן לעפּאָיעוו
הבחור הזעצער: צוקי צוקערמאַן

---

דרוק-פּעיק דעם 20.12.1978, דערשינען 1978.
טיראזש: 620 + 90. פאָרמאט 24/100×70.
פאפיר טיפּ A 56-100×70. טיפּאָגראפישע
בויגן 4, פארלאג-בויגן 3,17.

---

באשטעלונג נר. 2571
פּאָליגראפישע אונטערנעמונגען דער „13-טער
דעצעמבער 1918" בוקארעשט, גריגאָרע אלעק-
סאנדרעסקו-גאס נר. 89—93, סאָציאליסטישע
רעפּובליק רומעניע

# אינהאלט

## שטילע, אומרויקע נעכט


בעת איך פאנג און פאַר די ווערטער .......... 7
שיר .......................... 8
די רויז.......................... 9
און אפשר ...................... 10
פון היינט אויף מאָרגן ............. 11
דיין קינד ....................... 12
אין יענע נעכט.................... 13
א מאָל ......................... 14
פון גאָר דער וועלט ............... 15
זעסטו .......................... 16
פון ווען אָן ...................... 18
ווי שיין עס איז דער בוים........... 19
פון צייט צו צייט .................. 22
אנדערש ........................ 24
שטילע, אומרויקע נעכט.............. 26


## באגעגענישן


באנאלע דראמע..................... 35
ווייסע מילך און רויטע מעסערם........ 43
פראָסט ......................... 53
רעגן........................... 55
פארוואָס דארפסטו זיך שעמען? ........ 56
באגעגענישן ..................... 58
מיט פידל און הארף ............... 61
געשיכטע ....................... 63
דער נישטפארגינער ............... 65


## פונקען איבער דורות


אָרדענונג ....................... 71
זיג ........................... 64
בערל דער מגיד .................. 73
אָפענער בריוו ................... 78
דער קאָוועל הקדוש ............... 81
כלל ........................... 85
דעם מעטשן א באלאדע.............. 86
ערשטע ווערטער .................. 92